[illegible]

אוסף מלצינים 16.1.03

[illegible]

19.267.

יונס טורקוב: "צו דער [illegible] צייט", כתב-יד

ו[illegible]: "ווי אזוי איך האב [illegible] ווי
א קריסט".

ב – 176 עמודי דפוס כותב יונס טורקוב על התקופה בה חיי כנוצרי תחת השלטון הנאצי.

חומר דומה בתוכנו מופיע בספרו של יונס טורקוב "אין קאמפ פארן לעבן", הוצאת "צענטאל – פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע" בואנוס איירעס 1949.

להלן ראשי הפרקים מהעבודה, כלשונם:


הימים האחרונים בגטו ורשה
תפקידי בעת המרד.
לוקחים אותי מרחוב מילנה בין שבעת אלפים יהודים.
אנו מתכוננים למלחמה בגרמנים.
הגרמנים מרמים אותנו.
עמודים 1 - 6

בין שבעת אלפים יהודים.
עמודים 6 – 9

האומשלגפלץ – מקום ממנו נלקחו להשמדה למעלה מ - 2,000,000 יהודים.
אני כבר שם בפעם השניה.
מותם של חברי היודנראט.
אני הופך לעובד מתכת.
הולכים לירות בי יחד עם עוד שלוש מאות יהודים.
עמודים 10 – 16

שולחים אותי למחנה רכוז.
טיולם של "המתנגדים" ברחובות ורשה.
פולני רוצה להרביץ לי אך הוא חוטף מכות ממני.
אני מגיע למחנה.
עמודים 17 – 22

במחנה גרוכוב.
חברים חדשים לגורל.
יהודים מצ'כיה.
הסדר החדש.
עמודים 23 – 29

"העבודה ממתיקה את החיים".
ההליכה לעבודה.
שגרת המחנה.
התאבדות במחנה.
זורקים ילד יהודי לפתחנו.
מותו של המשומד דיקשטיין.
עמודים 30 – 36

מותו של איש העולם התחתון, מאניעק, אשר מת כגיבור.
התנהגותו במחנה.
הווידוי שלו.
מותו כגבור.
עמודים 37 - 42

אזעקת לילה ראשונה.
המחתרת פוצצה רכבת תחמושת גרמנית.
פגישתי עם שבויי מלחמה סובייטים.
אני מקבל עבודה שהיא מעל כוחות אנוש.
אני יוצר קשר עם הצד הארי.
עמודים 43 – 48

מחפשים אחרי!
אכן ממיתים יהודים בגז?
האס. אס. דורש רשימות שמיות שלנו.
הגסטאפו מחפש אותי?
עמודים 49 – 54

המחתרת מוציאה אותי מהמחנה.
עובד רכבת פולני מביא לי מדים וכובע.
אני מובל לעבודה בשדה, קרוב לתחנת הרכבת "פראגה".
המשמר האחרון עוצר אותנו.
עמודים 55 – 61

אני מתחיל חיים חדשים כנוצרי.
הטיול הראשון שלי ברחובות "פראגה".
בין פולנים ששדדו יהודים.
בביתו של פייבסקי, שם אני מוחזק כמשכון.
הכרזות חדשות.
פדים אותי סוף סוף.
עמודים 62 – 69

אני שוב עם אשתי וילדי.
עמודים 70 – 76

שני אינטליגנטים פולנים.
רופא וסטודנט מאוניברסיטת ורשה רוצים למסור את אשתי לגסטאפו.
עמודים 77 – 84

טיולי הראשון כנוצרי ברחובות ורשה.
עמודים 85 – 90

המחתרת היהודית בצד הארי.
עמודים
עמודים 92 – 98

יאן טטרקביץ, היהודי ה"רומי-קאטולי מחפש דירה.
עמודים 99 – 104

חיי יהודים הם הפקר.
עמודים 105 – 111

לוחמי הגטו היהודים ממשיכים את מלחמתם עם הגרמנים בצד הארי.
עמודים 112 – 117

מצבנו נעשה מסוכן יותר מיום ליום.
עמודים 118 – 124

אורחים לא קרואים.
עמודים 125 – 130

פנים אל פנים עם רוצח יהודים.
עמודים 131 – 136

מכינים אקציה ליהודים בצד הארי.[
עמודים 137 – 142

בביתי החדש.
עמודים 143 – 148

שני פולנים עוקבים אחרי.
עמודים 149 – 154

קושרים קשר עם מחנות יהודים.
עמודים 155 – 161

12 שעות מתחת לאדמה.
עמוד 162 – 168

חדשות ממחנות ההשמדה.
עמודים 169 – 176

ב – 19 באפריל 1943, כאשר בגטו ורשה פרץ המרד, היה העד בשמירה על יד השער הראשי ברחוב מילנה. פתאום ראה גרמנים נעמדים על יד השער ולאורך רחוב קרמליצקה.
הוא הודיע על כך לאנשיו ושמונים מהם ירדו למרתף אשר הוכן מראש ברחוב מילנה 9.
בשעה חמש לפנות בוקר פשטו יחידות אס. אס. רבות, אחריהן צעדו עוזריהם הליטאים, הלטבים והאוקראינים. כולם פנו לגטו הגדול.
הגרמנים צעדו ברחובות הגטושים לכל רוחבם. כאשר קרבו לגטו הגדול ירד עליהם ברד של בקבוקי תבערה וכדורים רבים מהגגות ומהחלונות של הבתים. היה זה האות הראשון למרד בגטו ורשה.

Ghetto Fighters' House



Personal notes - Persönliches - Notes personnelles

Bolge Turchetts

Name:
Name:
Nom: Avram Brajtowel (Muel)

Address:
Wohnung:
Adresse: Leon Michelson

Phone:
Fernruf:
Téléphone:

Krakow Königl. 15

In case of accident, please inform:
Bei einem Unfall bitte ich zu verständigen:
En cas d'accident prière de prévenir:

**Ghetto Fighters' House**



POCKET-CALENDAR

TASCHEN-KALENDER

CALENDRIER

1946

Elberg – Rybak
dowódca z [illegible]
w Grodnie
miał być
podwalony oj
Jerzy [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
kapliczka [illegible]-
[illegible].
[illegible] 13 [illegible]
[illegible]

**Ghetto Fighters' House**



יאנאס טורקאָ.

## ווי אזוי איך האב אונטער די נאציס געלעבט פארשטעלט אלס קריסט.

די לעצטע טעג אין װארשעװער געטאָ.- מײן ראָל בעם'ן אויפשטאנד.- מען פירט מיך אװעק פון מילנע גאס.- צװישן זיבן טויזנט אידן.- מיר גרײטן זיך צום קאמף מיט די דײטשן.- די דײטשן נארן אונז ארײן.-

דעם 19-טן אפריל 1943, װען ס'איז אין װארשעװער געטאָ אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד, האב איך זיך געפונען אויף דער מילנע גאס, װאָס איז װי אן אינזעלע" אפגעריסן געװען סײ פון גרויסן געטאָ און סײ פון קלײנעם געטאָ.

איך בין געשטאנען אויף דער װאך פאר'ן הויפט-טויער. פלוצלינג האב איך באמערקט װי די ס.ס.-לײט (נאציישע שטורם-טרופער) האבן זיך אויסגעשטעלט בײם געטאָ-טויער, לענגאויס די טויערן פון קארמעליצקע גאס. עס האט אויסגעזען װי די דײטשן גרײטן זיך צו אן „אקציע" אין די שפעטער פון טעבענס און שולץ, װאָס האבן זיך געפונען אויף ... אסן נאַװאָליפּקי- לעשנאָ.

אין האב גלײך װעגן דעם טודיע געװען אונזערע מענטשן, װאָס האבן זיך געפינען אויף דער מילנע גאס. 80 פון זײ זײנען גלײך ארײן אין דעם פריער צוגעגרײטן בונקער( אונטערערדישע באהעלטעניש), װעלכן מיר האבן געבוים איבער דרײ חדשים צײט און אים צוגעגרײט אונטער די חורבות פון רײכמאנס הויף, אויף מילנע 9.

ארום פינף אזײגער פארטאָג האבן זיך דורכן טויער, װאָס האט געפירט פון דער אָרישער זײט, א שאָט געטון ס.ס.-אָפּטײלונגען, באַטאַפּנט פון קאָפּ ביז די פיס. נאָך זײ האבן "שמראם" מארשירט זײערע ליטװישע, לעטישע און אוקראאינישע מיט-העלפער. אלע האבן זיך געאײלט אין דער ריכטונג פונ'ם גרויסן געטאָ.

די ס.ס.-װאך װאָס איז מיט צװײ שעה פריער געװארן אויסגעשטעלט לענגאויס די טויערן, איז צוריק אראָפּגענומען געװארן. געבליבן אויפן אָרט איז בלויז די שטענדיגע װאך פון זשאנדארמען. הפנים, אז דאָס איז נאָר געװען א סטראטעגישער מאַנעװר, כדי צו פארבלענדן די אויגן. די דײטשן האבן בדעה געהאט דורכצופירן די „אויסזידלונגס-אקציע" אויף גאָר אן אנדער אָרט.

די אַרײנמאַרשירנדיקע דײטשן זענען געגאנגען אין דערסים גאס אין דער גאנצער ברײט; פון בײדע זײטן טראָטואַרן זענען געגאנגען ליטװינער, לעטן און אוקראאינער.

Ghetto Fighters' House



זיי זענען זיך גאנץ רואיג דורך די "מילדע" גאסן קארמעליצקע,דזשעלנע,דזשיקע- ביז צום צווייטן געטא-טויער:זאמענהאף-גענשע.(מילדע גאסן האבן מיר גערופן די, וו קיינער האט שוין ניט געטארט וואוינען).

ווען די דייטשן און זייערע משרתים האבן זיך דערנענטערט צום גרויסן געטא, האבן זיך אויף זיי א שאס געטון ברען-פלעשער מיט מאספער, האנט-גראנאטן און א האגל פון קוילן.דעם „קבלת פנים"האבן זיי באקומען פון די דעכער און פענצטער וו עס האבן שוין געוואכט אויף זיי די מיטגלידער פון דער אידישער קאמפס-ארגאניזא- ציע(„זשאב"). דאס איז געווען דער ערשטער סיגנאל צום אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא.

אונזער טויער אויף מילנע גאס, וואס האט געגרענעצט מיט דער קרימטלעכער זייט,די אזוי גערופענע:ארישע זייט , איז געווארן ארומגעשטעלט מיט זעלנער פון „וואפן ס.ס.". ס'איז שוין ניט געווען מעגלעך אריבערצוגיין,אדער ארויסצוגנבענען זיך אויף דער ארישער זייט.ס'איז אויך אוממעגלעך געווען אריבערצוגיין פון איין זייט מילנע גאס אויף דער אנדערער זייט, מארים אויף די חורבות און אויף די טויערן זענען געשטאנען דייטשישע סאלדאטן. ווינאר זיי האבן באמערקט אויף דער גאס א מענטש, האבן זיי גלייך צו אים געשאסן. צו אונזער בונקער(באהעלטעניש) איז שוין אוממעגלעך געווען זיך צוצובאקומען.

ביינאכט האבן מיר זיך באמיט אנצובינדן א קאנטאקט מיט אונזער באהעלטעניש וואו עס האבן זיך אויסבאהאלטן די 80 אידן.- איז אויף אונדז געעפנט געווארן א שטארקע שיסעריי פון אלע זייטן. די קוילן האבן געטשאשעט פאר דער נאז, אזוי,אז מיר זענען קוים ארויס מיטן לעבן.

אייניגע פון אונזערע מענטשן,וואס האבען געהערט צו דער אונטערערדישער באוועגונג, זענען, על פי צופאל, א טאג פארן אויפשטאנד אוועק אין גרויסן געטא אריין און זיי האבען שוין ניט באוויזן צוריקצוקומען צו אונדז.

פון געטא האבען זיך געהערט כסדר אויפרייסן און שטארקע שיסערייען. דער הימל איז געווען רויט שוןפייער. לאנגע טעג נאך דעם ווי דער אויפשטאנד איז געווען אין פולן ברען, האט אויף אונזער אפשנים פון מילנע גאס געהערשט א טויטע שטילקייט. מיר זענען געווען אינגאנצן אפגעשניטן פון דער וועלט. קיין דייטש האט זיך [illegible] צו אונדז ניט באוויזן. די לאגע איז אבער פאר אונדז [illegible] געווען ניט

Ghetto Fighters' House



אריבערצוטראָגן:מיר קאָנען דאָך ניט זיצן מיט פארליגטע הענט,אין דער ציים ווען ניט ווייט פון אונז פירן אונזערע ברידער אן שטעטער א קאַמף אויף לעבן און טויט.

איך בין געבליבן מיט אביסל אמוניציע, האנט־גראנאטן און איניגע רעוואָלווערן. מיר האָבן זיך פארטראכט צי מען דארף ניט אויפרייסן די מאגאזינען מיט די רויטטאָפּן און אויסארביטונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף אונזער גאס. דאָס וואָלט אָבער געשטעלט אין סכנה דאָס לעבן פון צענדליגער אידען אויף מילנע גאס, וואָס זענען ניט געווען אין באהעלטעניש. דורכריטן זיך,ווידער, מיט'ן ביסל געווער און אמוניציע, וואָס מיר האָבן געהאט און זיך לאָזען אין געטאָ אריין, איז אויך געווען ממש אוממעגלעך.

איניגע מאָל האָבן מיר פּראָבירט, ביינאכט, אויף אלע פיר,זיך צוצוקריגען דורך „ווילדע" ניט באוואוינטע גאסן צום געטאָ. מיר זענען אָבער שיער ניט דערשטיקט געוואָרן פון פייער און רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אלע זייטן און מיר האָבן אויך ד די פראווען געמוזט אויפגעבען.

מיר האָבן פארשטאנען, אז דער גורל פון אונזער גרופּע איז א געחתמעטער. די דייטשישע „פארזאָרגער" וועלן זיך זיכער אָן אונז דערמאָנען און אהערקומען אונז ליקווידירן. מיר האָבן באשלאָסן זיך צו פארבאריקאדירן אין דער געבידע פונעם געוועזענעם „עסיגראנטן-האָטעל" אויף מילנע 18, און ביליג ניט אבצוגעבען אונזער לעבען.

ביי די זיינען-פענצטער פון אונזער געבידע האָבן מיר אויפגעשטעלט א וואך, וואָס האָט אונז געדארפט מודיע זיין, ווי נאָר עס וועט זיך צו אונז דערנענטערן א דייטשישע אפטיילונג.

פלוצליגג האָבן מיר באמערקט דעם ס.ס.־אונטערשטורמפירער שאלצע,־איינער פון די בעפערלעכסטע דייטשן אין ווארשע,־ וואָס איז געגאנגען איבער דער גאס, איינער אליין,אין דער ריכטונג פון אונזער הויפּט־טויער. מיר האָבן איבערגעוואַרט, צי נאָך אים וועלן ניט נאָכגיין ווייטערדיגע ס.ס.־לייט. שאלצע איז געגאנגען צו אונזער טויער און אָנגעקלאַפּט. מער קיין דייטשן האָבן זיך ניט באוויזען.

זאלבערפערט זענען מיר אראָפּ צום טויער, האלטענדיג אויף יעדען פאל גרייט אין די אויבערשטע מאשען רעוואָלווערן און גראנאטלעך. איך האָב געעפענט דאָס טויער און אריינגעלאָזט שאָלצען.

– איך בין אייך געקומען ראטעווען– האָט שאָלצע געזאָגט– אין 2־3 שעה ארום וועלן ד־

Ghetto Fighters' House



די סאָלדאַטן „פון האַפן ס.ס.”אַהערקומען און נעמען זײ װעלן דאָ געפינען, װעלן זײ דערשיסן אויפן אָרט.

שאָלצע האָט אונדז פאַרגעלעגט מיטצוגײן מיט אים אויף דער ניזקע גאַס. װאו עס זענען גרופירט אלע ארבײטער פון „װערט-ערפאַסונג” און דאָרט װעט אונדז נישט דראָען קײן שום געפאַר, װײל די „װערט-ערפאַסונג” װעט װײטער בלײבן אין װאַרשע. אלע איבעריגע אידן מוזן װערן „אויסגעזידלט”(ארויסגעפירט פון װאַרשע). װער עס װעט, אלזאָ, מיט אים מיטגײן דעם װעט קײן האָר פון קאָפּ נישט פאַלן; װער עס װיל נישט גײן מיט אים, װעט ער נישט צװינגען, אָבער ער נעמט פון זיך אראָפּ די פאַראַנטװאָרט-לעכקײט פאַרן לעבן פון די איבערגעבליבענע. א שעה צײט האָט ער אונדז געגעבן צו-צוגרײטן זיך. נאָך דעם װעט ער נאָך אונדז קומען און װער עס װעט װעלן װעט קענען מיט אים מיטגײן. ער װעט אונדז מוזן - האָט ער געזאָגט -פירן דורך א לענגערן װעג, אָבער א זיכערן, כדי אויסצומײדן די „אידישע באַנדיטן”װאָס לויערן נאָך אין פאַרשידע-נע טײלן פון אונדזער געגנט...

װען שאָלצע איז פאַרשװוּנדן, האָבן מיר זיך באַראָטן װאָס װײטער צו טון. װי עס װײזט אויס, האָט אונדז אין יענעם טאָג נאָך נישט געדראָט קײן טױט-געפאַר, װײל אנדערש װאָלטן זיך די דײטשן מיט אונדז אזוי נישט געשפּילט; זײ װאָלטן פּשוט אראָבגעבראַכט א פּלוטאָן ס.ס.-לײט און אונדז אלע אויסגעשאָסן. מעגלעך, אז זײ װעלן עס טון אויף דער ניזקע גאַס. װי עס זאָל נישט זײן, װעלן מיר כאָטש דאָרט זײן צװישן א פּאָר טויזנט אידן.

עס האָט אונדז נאָר שטאַרק װײ געטון דאָס האַרץ װאָס מען האָט געמוזט איבער-לאָזן דאָס געװער און אמוניציע. װאָלטן מיר עס כאָטש געקאָנט אַרײַנטראָגן אין אונדזער גרויסן בונקער(באַהעלטעניש)... אָבער אויך דאָס האָבן מיר נישט געקאָנט אויספירן. עס איז אוממעגלעך געװען דורכצוגײן דאָס שטיקל שמאָלע מילנע געסל און נישט דער-שאָסן צו װערן דורך די דײטשן, װאָס זענען געשטאַנען אויף די חורבות און טויערן.

מיר באַשליסן צו באַהאַלטן דאָס געװער און אמוניציע אין דערזעלבער געבײדע, װאו מיר האָבן געהאַט א גוט- פאַרמאַסקירט קלײן באַהעלטעניש, װאָס מיר האָבן אויסגענוצט אין א נויט-פאַל. דאָרט װעט מען עס נישט געפינען, סײדן דאָס הויז װעט אויפגעריסן װערן און דעמאָלט װעלן אונדזערע גראַנאַטן און קוילן נאָך פאַרגרעסערן דעם אויפ-רײס. יעדנפאַלס - די דײטשן װעלן פון אונדזער געװער קײן נוצן נישט האָבן.

Ghetto Fighters' House



מיר באשליסן אויך ווידער אויסצושטעלן וואכן בײַ די פענצטער און אין פאל, ווען מען וועט באמערקן שלעכן מיט א גרופע ס.ס.-לײַט, וועלן מיר ארײַן אין באהעל-טעניש נאך אונזער געווער און פון די פענצטער זײַ מאכן דעם געהעריגן „קבלת פנים".

פינקטלעך צו דער מינוט, אין א שעה ארום, איז שלעכע צוריקגעקומען אײַנער אלײַן. מיר זענען אלע ארויס אויפן גאס; זיך אויסגעשטעלט אין רייען און זיך געלאזט אין וועג ארײַן, אין דער ריכטונג פון ניזקע גאס.

ווען אונזער גרופע, וואס איז באשטאנען פון 50—60 מאן, האט זיך אנגעהויבן צונויפקלייבן אויף דער מילנע גאס, האבן די דײַטשישע וואך-סאלדאטן געשאסן אויף אונז א שיסערײַ. שלעכע האט אנגעהויבן צו פאכן מיט דער האנט אין זײַער ריכטונג און שרײַען זײַ זאלן אויפהערן צו שיסן. ביז זײַ האבן אבגעשטעלט די שיסערײַ, האבן מיר זיך אלע אויסגעצויגן אויף דער ערד און שלעכע איז שיער אלײַן נישט דערשאסן געווארן פון זײַנע אײַגענע דײַטשן. ער איז צוגעלאפן גאנץ נאענט צו די וואך-פאסטנס, וואס זענען געשטאנען אויפן מויער און זײַ מסתמא דערציילט זײַן יחוס...

ווען די שיסערײַ האט אויפגעהערט, האבן מיר ארויסמארשירט פון דער מילנע און געגאנגען איבער דער קארמעליצקע, דזשעלנע, דזשיקע. ס'איז געווען א שפאציר איבער א גיהנום. פון צײַט צו צײַט האבן קוילן געפײַפט ארום אונזערע קעפ. גאנצע בלאקן מיט הײַזער - אידיש האב און גוטס - זענען געווען ארומגענומען מיט פײַער. די לופט האט געשטיקט פון רויך און פון פארברענטע מענטשלעכע גופים,-ס'האט אזש פארפעלט אטעם.

אויפן וועג האבן מיר אנגעטראפן דײַטשישע פאטראלן, וואס האבן געפירט אויסבאהאלטענע אידן; א טייל פון זײַ זענען געווען שטארק אבגעברינט פונם פײַער. וואס נענטער צו דער דזשיקע גאס איז אויסגעקומען צו גײן פארבײַ מאסן הרוגים, צווישן וועלכע עס זענען געווען א סך אין דײַטשישע, לעטישע און אוקראאינישע מונדירן.

אונז האט קײנער נישט אבגעשטעלט. אין אזעלכע מינוטן האבן מיר זיך געריסן די האר פון קאפ, פארוואס מיר האבן נישט מיטגענומען דאס געווער.

וואס נענטער צו דער מוראנאווסקע גאס, האבן זיך די שיסערײַען און אויפרײַסן געהערט אלץ שטארקער און די לופט איז געווארן אלץ הייסער, ענדלעך זענען מיר אנגעקומען אויף דער ניזקע גאס.

Ghetto Fighters' House



## צווישן 7 טויזענט אידען.

אויף דער ניזקע גאס האָט ווי אין א קעסל. איך האָב דערזען פאַר זיך טויזענטער אידען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפינען קעמפער, וואָס זענען גאָר וואָס געקומען פון געטאָ-פראָגם.דאָ אויף דער ניזקע גאס איז געשאַפן געוואָרן א גוט אָפּשפּרינג-ברעט. די קעמפער האָבן אהערגעבראַכט געראַטעוועטע אידען פון מוראַנאָווסקע און גאַלעווקעס וואָס האָבן געברענט מיט דער גיזקע גאס. מען האָט אויסגעהאַקט אין די מויערן דורכגענג דורך וואַנען מען האָט אריבערגעבראַכט די מענטשען. די מוראַנאָווסקע גאס איז געשטאַנען אין פלאַמען. אויף די זעבער פון ניזקע גאס האָב איך געזען פוילישע פייערלעשער. זיי האָבן געהיטן אַז דאָס פייער זאָל זיך חלילה נישט אריבערכאַפּן אויף דער ניזקע גאס - די רעזידענץ פון דער „ווערט-ערפאַסונג". עס איז געקומען צו אָפּטע געפלעגען צווישן אידען און די פייערלעשער , וואָס האָבן געוואָלט ביידער גוטער פאַר זיי געלעגנהייט „אָפּלעקען א פעט ביינדעל" און אָגרייבען אביסעל אידיש האָב און גוטס.- -"איר וועט דאָך סיי ווי אלע אומקומען"_ האָבן זיי געזאָגט_ „ ווילט איר, אַז דאָס אלץ זאָל בעסער אריינפאַלען אין די דייטשישע הענט,ווי צו אונז?!"... אַזוי האָבן די אויסוואורפען באוויזען זייערן אמתן פּרצוף.

פון צייט צו צייט האָבן צו אונז פאַרבלאָנדזשעט די קוילען פון דער מוראַנאָווסקע גאס און פון אנדערע קאַמפּס-אָפּטיילן.

די אידישע קאַמפּס אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַמיט נישט אריינצוציען די ניזקע גאס אין קאַמף, ביז עס וועט נישט קלאָר ווערן די לאַגע פון ~~אַלע~~ די 7 טויזענט אידען, וואָס האָבן זיך דאָרט געפינען.

ווי די אָנפירערשאַפט פון דער „ ווערט-ערפאַסונג" האָט פאַרזיכערט, ~~זאָלן~~ וועלן אלע אָנגעשטעלטע און ארבייטער פון דערדאָזיגער אינסטיטוציע פאַר-בלייבען אלס די איינציגע אידען אין וואַרשע. אלע וועלן באַקומען נייע „לעבענס-רעכט-קאַרטען"( א נומער, וואָס גיט א רעכט צו לעבען). די דאָזיגע הסברה האָט זיך בעהאַלטען אין איין פאַרשטאַטען. און ערך צוויי טויזענט אידן האָבן זיך דאָרט געפינען נישט לעגאַל- דאָס זענען געווען מענטשן וואָס זענען אהין אנטלאָפן, אָבער היות זיי האָבן נישט געאַרבעט אין דער „ווערט-ערפאַסונג"

Ghetto Fighters' House



זענען זיי דאָרט ניט געווען רעגיסטרירט, - אָבער ביי 5 טויזנט מענטשן האָט מען אזא צאָל אַלעמאָל געקענט דעקן.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין פאַל ווען מען וועט וועלן אונדז פון דאַנען אַרויספירן, זאָלן מיר ניט גיין פרייוויליג. מיר וועלן שטעלן א ווידערשטאַנד. אַנדערע פון אונדזערע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז די דייטשן וועלן אונדז די אַלע אויסשיסן אויף דער ניזקע גאַס און צוליב דעם מאַקע האָבן זיי אונדז דאָ קאָנצענטרירט.

בעת דער קאָנטערענגונג צו ראַטעווען אידען פון דער שכנותדיגער מוראַנאָווסקע גאַס, וואָס די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן, האָט זיך אַנטוויקעלט א בלוטיגע שלאַכט, אין וועלכער ס'זיינען אויך געפאַלן אסך דייטשן. מען האָט פון די דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע דייטשן צוגענומען זייער געווער, מונדירען און די העלמען.

דער „שטערן" פון אונדזער „באַלעבאָס", דעם אָנפירער פון „ווערט-ערפאַסונג", [illegible] ס. ס.- אָבערשטורמפירער קאָנראַד האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. נאָך דעם ווי מען האָט אויף זיין אָרט באַשטימט דעם דייטשן פאַב-ריקאַנט וואַלטער טעבענס אלס ליקווידאַטאָר און לעצטן קאָמיסאַר פונעם וואַר-שעווער געטאָ, האָט זיך די פּאָזיציע פונם ביז איצטיגן דיקטאַטאָר איבערן געטאָ, קאָנראַד, שטאַרק א וואַקל געטון. ער האָט מיט אַלע כוחות געקעמפט פאַר איינ-האַלטן כאָטש דעם קלייגעם אָפּשנים, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון געטאָ - די „ווערט-ערפאַסונג".

קאָנראַד האָט אָבער דאָרט קאָנצענטרירט אַלע אידען, וואָס האָבן גע-אַרבעט אין „ווערט-ערפאַסונג" און זיי אַלע אַריבערגעטראָגן אין זיין קעניג-רייך" אויף דער ניזקע גאַס. ער האָט געהאָפט, אַז נאָך דעם ווי די זאַווערובע וועט אַריבער, וועט ער איינהאַלטן די פּאָר טויזנט אידען אלס שקלאַפן און שאַפן מיט זיי א קליין אינזעל אין דעם אַמאָליגן וואַרשעווער געטאָ. געמיינט האָט ער זיכער ניט אונזער טובה. אַזוי אַרום האָט ער בעהאָפט צו קענען שיצן זיך און זיינע גאַנצע ס.ס.-לייט פון צו גיין אויפן פראָנט. אויסער דעם וואָלט ער דאָך, א דאַנק די „נוצליכע אידען" געקענט פאַרגרעסערן זיין

Ghetto Fighters' House



פארמעגן. האָט מען דאָך געדארפט טראכטן וועגן א תכלית.

בלזעליבג איז אָנגעקומען א באפעל פון ס.ס.-גענעראל סטראָפּ אָפּצוזיף ביגען צוליב סטראטעגישע טעמים, די ניזקע גאס. קעגן גענעראל סטראָפּ איז שוין קאָנראד געווען מאכטלאָז. מען האָט געמוזט אויספירן דעם באפעל.

דער באפעל איז געווען: אלע, און אויסנאם אידען פון דער ניזקע גאס, מוזען מיט אלע זייערע זאכען זיך אויסשטעלען אויף דער גאס, וואו מען וועט זיי אויסטיילען די נייע נומערן (די „לעבענס-רעכט-קארטען"). אלע אידען וועלען שפעטער מוזען ארבעטער אין געוויזענעם קלייגעם געטאָ, וואו עס האָט זיך געפונען די פאבריק פונעם קאָמיסאר זואלטער טעבענס.

ס'איז אויסגעבראָכען אן אומבאשרייבלעכע פאניק. א גרויסע צאָל אידען פון דע ניזקע גאס זענען דאָך ניט געווען קיין אָנגעשטעלטע פון דער „ווערט-ערפאסונג"... קיין צוריקוועג איז אָבער שוין ניט געווען. האָט ליעזער גע-בוים אויף זיין „סטערן", אויף זיין מזל און זיך געשטעלט צוזאמען מיט די איבעריגע אידען פון דער ניזקע גאס און געזוכט זיך אָנצושליסן זיך אין א גרופע, וואו ער האָט געקענט באקאנטע.

דערווייל זענען אויסגע-טעלט געוואָרן די רייען; די זאכען אויף די פורען – פון הינטען. מען האָט נאָר געוואָרט אויף "גאכטאלכטמוזש", זיי זאָלען צעטיילען די „ לעבענס-רעכט-קארטען" און מען זאָל שוין אָנהויבן דעם מארש צו דער ארישער (קריסטלעכער) זייט. דורכן געטאָ האָבען די דייטשען מורא געהאט צו פירען אזא גרויסע מחנה אידען, צוליב די אידישע אויפשטענדלער.

קיין „לעבענסרעכט-קארטען" האָט מען אלץ ניט צעטיילט... ביי „אונזערע" ס.ס.-לייט האָט זיך בלאָזט באמערקען א נערוועזישע שטימונג. אָבער שטורמפירער קאָנראד און די איבעריגע „גדולים" האָבען געהאלטען די נומערן (לעבענסרעכט-קארטען) אין דער האנט, אָבער, ווי ס'האָט בעקאנט באמערקען, האָבען זיי געוואַרט אויף עמיצען.

ס'האָט ניט לאנג געדויערט און ס'איז אָנגעפארן א קליינער אויטאָמאָביל, פון וועלכען עס איז ארויסגעקומען אן אומבאקאנטער ס.ס.-אָפיציר און איינגערייכט עפעס קאָנראדען אין אויער אריין. קאָנראד האָט צונויפגערופען צו זיך זיינע ס.ס.-אָפיצירען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געשפרעך, וואָס האָט ניט לאנג אָנגעהאלטען. באלד נאָך דעם איז דאָך

Ghetto Fighters' House



אויסבאקאנטער ס.ס.-אָפיציר אָנגעטאָרען מיט זיין אומט.

נאָך א קורצער שפּילפּויזע האָט קאָנראד אויפגעהויבן די האַנט און געגעבן א צייכן , אז ער וויל עפּעס זאָגן. א טויטע שטיל-קייט האָט ארומגענומען די טויזנטער מאסע מענטשן. אלע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג פון די טרעפּ, אויף וועלכע עס איז געשטאנען דער הויך געבוימטער קאָנראד.

ער האָט אָנגעהויבן מיט א גאַנץ ציבערן טאָן און קודם כל אונז פארזיכערט, אז עס דראָט אונז גאָר קיין שום געפאר, ווייל מיר אלע וועלן קריגן „לעבענסדעקומענטן". אבער- ניט דאָ , נאָר ער וועט אונז אוועק-פירן אויפן „אומשלאג-פּלאַץ" ( מיר האָבן עס גערופן: טויט-פּלאַץ), וואס ליגט דערנעבן, און דאָרט וועט מען אונז צעטיילן די „נומערן". שפּעטער וועט מען אונז אלע אָפּפירן צו מעבעלסען אין דער פאבריק, אויף ברעסטע גאס..../

א שוידער איז דורך די מאסע. עס האָבן זיך דערהערט קלאָגן און קרעכצן. „ אומשלאג- פּלאַץ"..... הייסט עס, אז מען גייט אונז אוועק-שיקן נאָך טרעבלינקע אָדער מאידאנעק. ס' איז שוין ניט געבליבן קיין צייט צו באטראכטן די לאגע. ס'איז שוין געווען צו שפּעט אנצונעמען באשלוסן. די דייטשן האָבן אונז פיין ארײַנגענארט....

Ghetto Fighters' House



**„אומשלאג-פלאץ" -פון דאָרט האָט מען אוועקגעשיקט צום טויט איבער 2000000 אידען.**

**איך בין שוין דאָרט צום צווייטן מאָל.- דער אומקום פון די „יודען-עלטעסטע".- איך ווער א מעטאל ארבייטער.- צוזאמען מיט אנדערע 300 אידען גיים מען מיך דערשיסן.**

דער נאָמען „אומשלאג-פלאץ", וואָס הייסט איבערלאָדונגס-פלאץ-זאָגט במעט גארנישט און דאָך פארנעמט ער איינעם פון די וויכטיגסטע ערטער אין אונזער מארטירער- געשיכטע.

פונם דעצעמבער וואָרשאל האָבן די דייטשן צוגעצוינגען א באן-ליניע צו א פלאץ אויף דער דזשיקע גאס, נעבן דער גיזקע, וואָס איז גע-לעגן אין דער הארץ פון אידישן ווארשע.דעם דאָזיגן פלאץ איז באשערט געווען צו שפילן אזא טראגישע ראָל אין דער פארניכטונג פונעם מזרח- אייראָפעאישן אידנטום.

לויט דער דייטשישער סטאטיסטיק איז צו זען,אז דורכן דאָזיגן פלאץ איז אוועקגעשיקט געוואָרן צום טויט איבער צוויי מיליאָן אידען פון פוילן און אנדערע לענדער. פון דאָרט מען די אומגליקלעכע מענער, פרויען און קינדער געשיקט אין די גאז-קאמערן פון טרעבלינקע,מאידאנעק און אשוויענטשים.

טאָג און נאכט זענען אויפן אומשלאג-פלאץ געשטאנען לאסט-וואגא-גען, וועלכע מען האָט פריער בענוצט צו טראנספּאָרט פון בהמות. איצט זענען זיי געשטאנען גרייט אויפצונעמען די אידען,וואָס זענען בעשטימט געוואָרן צו די דייטשן אומגעבראכט צו ווערן. מען האָט די מענטשן אריינגעשטופּט, ווי די פיה , אין די וואגאָנען, זיי פארהאקט און פארפלאָמבירט און דערנאָך זיי אוועק-געשיקט אין די פארניכטונגס-לאגערן.אויף יעדן דריטן וואגאָן איז זיך גע-לעגן אן אוקראאינער אָדער א ליטווינער, מיט א מאשינביקס אין האנט, כדי צו פארהיטן אז קיינער זאָל אויפן וועג ניט אנטלויפן.

ס'זענען געווען אסך פאלן ווען מענטשן האָבן אויפגעהאקט דאָס קליינע פענסטערל אין וואגאָן,דורכגעזעגט די אייזערנע גראטעס און אין מיטן פאָרן ארויסגעשפרונגען. באלד האָבן די שומרים פון די רעדער געעפנט א פייער און

זעלטן ווען עטיצער פון די אנטלאָפענע האָט געהאַט דאָס מזל אויסצומיידן א קויל

דער אומשלאַג-פלאַץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אידיש בלוט און טרערן, וואָרים זער אָפט זענען די קרבנות דערשאָסן געוואָרן נאָך איידער מען האָט זיי צוגעפירט צו די וואַגאָנען.

מיר איז דער אומשלאַג-פלאַץ געווען באַקאַנט נאָך פון די געטאָ-צייטן, ווען מען האָט מיך, מיין פרוי און אונזער איינציג קינד אהינגעבראַכט, צוזאַמען מיט טויזנטער אנדערע אידן. ביים געדראַנג האָבן מיר דעמאָלט פארלוירן אונזער קינד.

אויפן אומשלאַג-פלאַץ האָט נאָך דעמאָלט געאַרבעט איינער פון אונזערע אָנגעזעענסטע טוער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, נחום רעמבאַ (א ברודער פון אייזיק רעמבאַ), וואָס האָט אויפן אומשלאַג-פלאַץ געשפּילט די ראָל פון א דאָקטאָר. ווען דער העלדישער רעמבאַ, וואָס איז אליין שפּעטער אוועקגעשיקט געוואָרן פונעם לעבעדיקן אומשלאַג-פלאַץ אין א טויטן- לאַגער אריין, האָט זיך דערוווּסט, אַז מיין פרוי און איך געפינען זיך צווישן די קאַנדידאַטן ארויסגעשיקט צו ווערן, האָט תיכף בערטאַפּט פאַר מיר א מאַנטעל פון א דאָקטאָר, מיט א רויטן קרייץ און פאַר מיין פרוי - א מאַנטעל פון א נוירס און אונז צוריקגעשיקט, מיט אן אַמבולאַנס, אין געטאָ אריין. אין דער לעצטער מינוט האָבן מיר, ווי דורך א נס, דערזען צווישן די במארע מענטשן, וואָס מען האָט געפירט צו די וואַגאָנען, אונזער קינד. זי איז דעמאָלט אַלט געווען ניט קיין גאַנצע אכט יאָר. מען האָט די אויסגעשטופּטע אונטער דער באַנק פון אונזער אַמבולאַנס און אזוי אַרום די אויך געראַטעוועט פון א זיכערן טויט.

איצט איז מיר, צום צווייטן מאָל, אויסגעקומען צו זיין אויפן אומשלאַג-פלאַץ....

ווען דער אָבערשטורמפירער קאָנראַד האָט אויף דער ניזקע גאַס געגעבן דעם באַפעל צו פירן זיך פונעם אָרט האָט יעדער גענומען זיינע זאַכן און זיך געלאָזט גיין צום אומשלאַגפלאַץ. איך האָב באַשלאָסן ניט צו נעמען מיינע זאַכן און איך האָב זיי געלאָזט ליגן אויף הפקר, אויף דער גאַס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע זאַכן קאָנען מיר נאָך שטערן אין מיין ווייטערדיקן וועג.

Ghetto Fighters' House



דער וועג פון גייזקע ביז צום אומשלאג-פלאץ איז געווען א קורצער. ווי נאר מיר זענען ארויף אויפן פלאץ, איז געווארן אזא געוועג, אז אלע האבען זיך פעאלוירען איינער אין געלאפען איבערן צווייטען. אויף דער ערד האבען זיך געוואלגערט דערשאסענע מענער, פרויען און קינדער, טשעמאדאנען, זאכען, בעטגעוואנד, טליתים און תפילין, פעקלעך עסן און איינצעלנע שיך, וואס די געכאפטע מענטשען האבען דא פערלוירען...

נעבען דעם טיפסקאסטען האבען זיך געוואלגערט די גופים פון די געוועזענע מיטגלידער פונעם ווארשעווער „יודענראט": ארוושקאס ודעליקאווסקי, איזשעניר שמעלצמאן, ס. שערעשעווסקי און פון דעם „יודענעלטעסטען" מ. ליכטענבאום. זיי זענען אויפן ארט דערשאסן געווארן.

אויף די דעכער פון די געביידעס אויפן אומשלאגפלאץ זענען געלעגען ס.ס.-לייט מיט מאשין-געווער גרייט צו שיסען. מען האט אונז צוגעיאגט צו די וואגאנען און געהייסען זיך אויסשטעלען אין דער פארם פון א „ד". דערזעענדיג די וואגאנען האב איך מיר א טראכט געטון: מיר זענען פערלעריגט. איך בין געווען גליקלעך [illegible] ב'האב געהאט מיט זיך א שטאל זעגעלע צו זעגען אייזען. איך וועל זיך ניט לאזען פירען אין א טויט- לאגער. איך האב בעשלאסען אויפן וועג ארויסשפרינגען פון וואגאן און ווער ס'וועט וועלן וועט קענען נאכטון מיין ביישפיל.

ווי מיר שטייען אזוי פאר די וואגאנען, גרייט אריינצוגיין, בעווייזט זיך פלוצלינג דער געטא-קאמיסאר וואלטער טעבענס און הייסט אונז נאך ניט אריינשטייגען אין די וואגאנען אריין. ער פרעגט ווער פון אונז איז א מעטאל-ארבעטער. אלע מעטאל-ארבעטער קענען ארויסגיין פון דער ריי און צוגיין צו א בעשטימטען ארט, אויף וועלכען ער ווייזט אן מיט דער האנט. אבער מער ווי 300 הונדערט ארבעטער-זאגט ער-דארף ער ניט האבען.

אין דעם אויגענבליק האבען זיך פון אלע זייטען א שאס געטון אהין מאסען אידען. מען האט אנגעהויבען ארויסצולויפען פון אלע רייען, כדי וואס גיכער צוצוקומען צום בעשטימטען זאמעל-ארט. דער לעבענס-אינסטינקט האט יעדען איינעם דיקטירט, אז איצט איז דער פאסיגסטער מאמענט אנצוגעבען זיך אלס מעטאל-ארבעטער. אזוי ארום האט מען געטאפט כאטש אויף אקורצע צייט זיך

Ghetto Fighters' House



צו ראַטעווען פונעם טויט.

אויף א בענעבענעם בעפעל פון מעבענס'ן, האָבן די דייטשן, וואָס האָבן זיך געפינען אויף די דעכער, בעעפענט א שיסעריי אויף די גאַנצע מאַסע אידן. די דייטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ האָבן אויך אָנגעהויבן צו שיסן אויף רעכטס און אויף לינקס. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן: טויטע און פערוואונדעטע. עס איז געוואָרן איין גרויסע בלוט-מאַסע.

איך בין אזוי געטראָגן געוואָרן מיטן שטראָם און ~~איך~~ כ'בין געבליבן אין דער פאָדערשטער ~~גאַנץ~~ גרופּע. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די שיסעריי, האָבן אסך מענטשן אָנגעהויבן צוריקצולויפן אין דער ריכטונג פון די וואַגאָנען. מענטשן האָט בעפוילן אָבצוטיילן אונזער גרופּע פון דער גרויסער מענטשן-מאַסע אויפן אומשלאַג-פּלאַץ. ווען די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט, האָבן א סך מענטשן פון אונזער גרופּע, וואָס איז בסדר בעשטאַנען געוואָרן פון אלע סינים געווער, זיך געריסן אין דער ריכטונג פון די וואַגאָנען. באַלד זענען אָבער צוגעקומען בעוואָפנטע ס.ס.-לייט און זיי פערשטעלט דעם וועג אויף צוריק.

אונזער גרופּע איז בעשטאַנען פון איבער טויזנט מענטשן. ווי נאָר דער ס.ס.-מאַן האָט געמאָלדן, אז מער ווי סך אַרבעטער וועלן נישט בענוצט ווערן, איז אויסגעבראָכן נאָך א גרעסערע מהומה אין אונזער גרופּע. יעדער איינער האָט זיך בעמיט צו זיין פון די ערשטע אין די פאָדערשטע רייען. בדי, הלילה, נישט ארויסצופאַלן פון דער בעשטימטער צאָל. דער מאַשין-געווער האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן און האָט געזייט דעם טויט אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס האָבן די דייטשן, משמעות, געוואָלט „פערקלענערן" די גרויסע מענטשן-מאַסע און איבערלאָזן אן ערך 800 ~~אַרבעטער~~ אידן.

איך וועל נישט מער וואָס פאַרא כוחות איך האָב זיך געהאַלטן און נישט אומגעפאַלן, נישט צעטרעטן געוואָרן בעת דער מהומה. פּלוצלינג האָט אן עלטערער ס.ס.-מאַן, מיט א שניי-ווייסן קאָפּ האָר און גוטמוטיגן שמייכל אויפן פּנים, זיך דערנענטערט צו א פערוואונדעטן אידן, וואָס איז געלעגן נעבן מיר מיט א דורכגעשאָסענעם פוס. ער האָט אים גוטמוטיג געפרעגט וואָס עס איז אים געשען. דער איד האָט, קרעכצענדיג, אָנגעוויזן דעם דייטש אויף זיין פערוואונדעטן פוס. אויף דעם האָט דער „גוטמוטיגער" דייטש מיט א רחמנות'דיג פּנים געזאָגט: „פרימער, פרימער" - און לאַנגזאַם ארויסגע-

Ghetto Fighters' House



גוסען זיין קליינעם רעוואָלווער פון דער שייד און איידער איך האָב זיך בע-
וויזען צו אָריענטירען,איז דער איר שוין געלעגען מיט א דורכגעשאָסענעם קאָפ.
דער דייטש האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף זיין קרבן, נאָר ווייטער גע-
זוכט אין אונזער גרופע פערזואונדעטע,וועלכע ער האָט אויף דעם זעלבען אויפן
אומגעבראכט.

ענדלעך האָט מען זיך גענומען צו אונז.מען האָט אונז בעהייסען זיך
אויסשטעלען אין לאַנגע ברייטע רייען און צוויי ס.ס.לייט האָבען אָנגעהויבען
צו ציילען.דאָסמאָל האָב איך זיך געפונען יער ווייט פון די ערשטע אין דער
גרופע און איך בין געווען זיכער,אז איך וועל שוין זיין אויסער די 300 און
סמילאָ וועט מיין אָרט זיין אין איינעם פון די וואגאָנען.מען האָט שוין גע-
האלטען נאָענט פון די דרייהונדערט און-איך האָב געהערט צו די לעצטע, וועלכע
מען האָט אָפּגעציילט. ווען דער ס.ס.-מאַן האָט אָנגעזאָגט "האַלט,300" זענען די
איבעריגע דייטשען,מיט די אויטאָמאטען אין די הענט,צוגעשפרונגען צו די איבע-
ריגע אידען, וואָס האָבען נישט בעהאַט דאָס מזל צו געהערען צו דער גרופע פון
300,און מען האָט זיי, מיט בעגלייטונג פון קלעפ,אריינגעשטופּט אין די וואַ-
גאָנען.

די גרופע פון די 300,צו וועלכער איך האָב אויך געהערט, האָט מען אויס
געשטעלט אין פינפטלעך,ארומגעשטעלט מיט ס.ספ-לייט,- און ס'איז געפאלען א
בעפעל: מארש.

שווייגענדיג האָבען מיר פערלאָזט דעם "מויס-פלאץ". מיר זענען שוין געווען
אויף יענער זייט אומשלאג-פלאץ, אויף דער ארישער זייט.פּלוצלינג פאלט א בע-
פעל: האלט!- וואָס איז דאָס?- האָב איך מיר געטראכט-מען גייט אונז צוריקשיקען
אויפן אומשלאגפלאץ?! אָבער ס'איז נישט געווען קיין צייט צו טראכטען. ס'איז
געפאלען א צווייטער בעפעל:פאלען אויף אלע פיר מיטן פנים צו דער ערד,לענג-
אויס דער גאנצער מויער...ס'איז פאר אונז קלאָר געווען, אז מען גייט אונז
דאָ אלע אויסשיסען.

איך בין שוין געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד. נעבען מיר איז
געלעגען מיינער א טעאטער-חבר,דוד העלפמאן,וועלכער איז פון שרעק געפאלען
אין חלות. ער האָט נאָר באוויזען ארויסצוזאָגען איין וואָרט: "געענדיגט" —

Ghetto Fighters' House



און שוין פערגלאָצט די אויגען. וואָס פוט מען מיט אים? אָנהויבען צו אים צו מינטערען, אָדער אָפּלאָזען, - אפשר וועט עס גאָר זיין פאר אים א טובה: ער וועט נישט פילען די קויל, וואָס ער וועט באלד בעקומען. נישט וויסענדיג פארוואָס, האָב איך אים, נישטבעטערקטערהייט, אָנגעהויבען שטארק צו קנייפען... מסתמא האָב דאָס אים דערמינטערט. ער האָט אָנגעהויבען שטארק צו ברעכען פון מאכען אונטער זיך...

צום שלימזל בין איך דאָסמאָל געווען דער ערשטער אין דער רייע. ווען איך האָב דערהערט הונטער זיך רעפּעטירען די ביקסען (גרייט מאכען צו שיסען), האָב איך פעסט איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין דער ערד און פערמאכט די אויגען, כדי לייכטער - ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען - אויפצונעמען דעם טויט. הפנים, אז דער טויט קומט נישט דערפאָלט, ווען מען דערוואַרט אים...

איך האָב שנעל פערגעסען וועגען מיין בעשלוס צו האלטען פערמאכט די אויגען און איך האָב בנגבה בעקוקט אויף אלע זייטען. פון לינקס - א בערועגלעכע מאסע אויסגעצויגען אין איין רייע אויף דער ערד, נעבען א קאָלטער סזיער, וואָס האָט אָבגעשיילט ווי אן אייזערנער פוירהאנג- די פרייע וועלט, וואו מענטשען האָבן געלעבט, פילדייגיג, גערמאל-, פון א פערענדיגט -אידיש - לעבען, דאָס איז געווען פערטשפט אויף גאז, קאלך-אוווענס און קרעמאטאָריעס; א וועלט, וואָס איז בעשטימט צום אונטערגאנג.

פלוצלינג האָב איך דערהערט אונטער זיך א שיכור דייטשיש קול: אויפשטיין"!- די גאנצע מאסע איז אויפגעשפרינגען ווי איינמענטש.

וויפל שעה מיר זענען אזוי געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, ווייס איך נישט, וואָאים יעדע מינוט האָט זיך געצויגען ווי א שעה. איך האָב דערזען פאר זיך א פעטען, אָנגעפּרעסענעם דייטש אין עטעס א מונדעמה אוני-פאָרמד וואָס איז געווען ענליך צו די פראנצויזישע מיליטערישע פארמלחמהדיגע מונדירען. אין האנט האָט ער געהאלטען א מאשין-פיסטויל, אָנגעשטעלט אויף מיר געבען אים- א ריזיגער וואָלף-הונט, וועלכען ער האָט געהאלטען אויף א קייט. איך קוק זיך ארום: פון אלע זייטען - די זעלביגע ברעגבייביגע, אָנגעפּרעסענע מאָדנע מונדירטע, דייטשען מיט די זעלבע גרויסע וועלף-הינט.

אין מיטען גאס איז געשטאנען אן אָפענער אוטאָ, אין וועלכען עס זענען געזעסען איינינגע אָפיצירען, אין די זעלביגע העל-בלויע מונדירען. איינער פון זיי האָט אָפּרעגט, ווער פון אונז איז א שניידער, אָדער א שוסטער. קיינער

Ghetto Fighters' House



האָט נישט געענטפֿערט. מיר האָבן שוין פֿערלוירן די אָריענטאַציע. איך, למשל, האָב נישט געקענט תופֿס זיין די געמטעלטע פֿראַגע. פֿריער האָט מען געדאַרפֿט האָבן סעסאַל־ אַרבייטער און דאָס האָט אונז שיער נישט געקאָסט סטלעבן, איצט, ווידער, דאַרפֿען זיי האָבן שוסטערס און שניידערס.. איך האָב נישט געוואוסט, צי דאָס באַדייט טויט, צי – לעבן. מיט דעם מאַסטאַב האָבן מיר דעמאָלט געמאָסטן אַלע ערשיינונגען, אַלע באַפֿעלן, אַלע ערקלערונגען און אַלע פֿראַגען. דער דייטש האָט איבערגעחזרט די פֿראַגע און צוגעגעבן: שניידער און שוסטער אויף רעכטס; אַלע איבעריגע– בלייבן אויפֿן אָרט.

ווי געפֿירט פֿון אַ מאַגנעטיש שפּעקעלע, זענען פּלוצלינג כמעט אַלע פֿון די 300 „סעסאַל־אַרבעטער" ~~קלגצלקגג~~ געוואָרען שניידער און שוסטער... אַלע זענען איצט געלאָפֿען אויף רעכטס און מיט אַזאַ התפּעלות, ווי די גאולה וואָלט געקומען. איינער איז געלאָפֿען איבערן צווייטען און ס'איז ענטשטאַנען אַלע אַ שרעקלעכער באַלאַגאַן.

די דייטשען האָבן זיך, מסתּמא, דערשראָקען פֿאַר דער „רעוואָלוציע" און זיי האָבן אָנגעלאָזט די הינט פֿון די קייטען. אַזוי ווי איך האָב זיך נישט זעשפּונגט – דאָס האָב איך נישט געקענט ביי קיין שום סיטואַציע _ בין איך געבליבן שטיין אויפֿן זעלבינען אָרט, וואו איך בין פֿריער געשטאַנען. די הינט, צערייצט פֿונעם טומעל, האָבן זיך מיטן גאַנצען איפּעט אַ וואָרף געטון אויף דער מאַסע מענטשען. אויף מיר האָט זיך פֿון הינטען אַ וואָרף געטון אַ וואָלף־הונט און מיט אַזאַ כח איינגעביסען זיך אין מיין הינטער־חלק, אַז פֿונקען זענען מיר געפֿלויגען פֿאַר די אויגען. איך האָב נאָך בעוויזען פֿון הינטען אַ קאָפּ צו טון מיטן פֿוס דעם הונט און כ'בין אַנידערגעפֿאַלען אין גרויסע יסורים. די גאַנצע צייט האָב איך געהערט געשרייען פֿון די צעביסענע, וואָיען פֿון די הינט און פֿון די דייטשישע הימער. איינציגע סעקונדען וואָס זיי האָבן געגעבן, האָט סיטואַציע איינגעשטעלט די אָרדנונג. אַלע זענען געבליבן אויף אויף די פּלעצער, ווי פֿערגליווערט. אויך די הינט זענען שוין געשטאַנען ביי די פֿיס פֿון זייערע הינטישע באַלעבאַטים.%

---

Ghetto Fighters' House



פון דער סעריע: ווי אזוי איך האָב איבערגעלעבט די נאַציס בעלעבט פארטסעלם ווי א

מען שיקט מיך אוועק אין א קאָנצענטראַציע- לאַגער"

דער ספּאַציר פון אידישע „פּאָווסטאַנצעס" איבער וואַרשעווער גאַסן.-
פען-פריים-דיך וואָס מען פירט אָן „זשידקעס" אויף טויט.-

א פּלאַץ וויל מיך פּלאָגן, באַלד אָבער אליין פון מיר קלעפּ.-

איך קום אָן אין לאַגער.-

די דייטשען האָבען אונזערע 300 אידען צעטיילט אין צוויי באַזונ-
דערע אָפּטיילונגען, ארומגעריננעלט אונז פון אלע זייטען מיט זשאַנדאַרמען
(די, וואָס האָבען געטראָגען העל-בלויע מונדירען) און זייערע הינט און מאַיך
בעפאָלען א באַפעל צום מאַרש.

די ערשטע אָפּטיילונג, אגב- די גרעסערע, האָט מען אוועקגעפירט אין
אן אנדערע ריכטונג. איך האָב געהערט צו דער קלענערער גרופּע, וועלכע מען
האָט ארויסגעפירט אויף דער אָקאָפּאָווע גאַס.איך האָב געפילט זער נישט גוט:
עפּעס א וואַרעמע פליסיקייט אונטער די הויזען און אויף די פיס,- א קלעב-
ביגע וואַרעמקייט.ווען איך האָב געוואָרפען א בליק אויף מיינע פאַנטאָפּעל
האָב איך דערזען בלוט.איצט האָב איך פערשטאַנען פון וואַנען עס נעמט זיך די
וואַרעמקייט.איך האָב דערפילט א שטאַרקען ווייטאָג און א ברענען אין הינטער-
חלק,-פון דעם ביס, וואָס כ'האָב בעקומען פונעם הינט...

ס'איז אָבער נישט געווען קיין צייט צו טראַכטען וועגען אזעלכע
קליינינקייטען. אָבער וואוהין פירט מען מיך? עפּעס פירט מען דאָך אונזער גרופּע
היין און צוריק, איבער דיזעלבינע גאַסען.אָט זעגען מיר שוין פארבייגעגאַנגען
די בלאָנדע גאַס און איצט האָט מען אונז, ווידער, דורך זייטיגע גאַסען,צוריק
געבראַכט אויף דער בלאָנדע גאַס. אונזערע דייטשישע בעגלייטער האָבען געהאַלטען
די אויטאָמאַטען אין די הענט, גרייט צו שיסען ביי אונזער יעדען פרואוו צו
אנטלויפען. אָבער קיינער פון אונז האָט אין דעם מאָמענט זיכער נישט געטראַכט
צו אנטלויפען פון די דאָזעלטע הינט: פון די הינט-מיט די אויטאָמאַטען און פון
די הינט מיט די שאַרפע ציין, וואָס האָבען נאָר געוואַרט אויף א צייכען צו זיך
וואַרפען זיך אויף אַזאַ זייער קרבן.

~~[illegible]~~

אונזער פּראָצעסיע איבער די גאַסען האָט ארויסגערופען א גרויסע

Ghetto Fighters' House



סענסאציע בײדער פויליטער בעפעלקערונג, איין קלײניקייט: מען פירט אידישע „פאַרזוכסקאַנצעס"( אויפּסטענדלער). פערשידענארטיג האָבען די פּאָלאַקען רעאגירט אויף דעם בעזונגלעבען „ספּעקטאַקעל"....

עס זעט מען א בולינאַן, וואָס שרײט אונז נאָך- „גאָך פּאַלעסטינע!"; א צווייטער— וואַרפט אריין די באַנדיטען אין ווייטעל" „ באַרם אביסעל אָב די זשידקעס"..„ אזי ווײ, מאָטשקענס.. „ פערגלוסט זיך די זשידקעס צו קעמפען מיט די דייטשען"....„א שענע רייגע כפּרה אויף אײדן"און נאָך און נאָך.
פון דער אנדערער זײט שטײט אן עלטערע פרוי און פערברעכט די הענט:„ יעזוס מאַריא, וואָס וויל מען פון די אָרעמע"... א צווייטע עלטערע קריסטלעכע פרוי זידעלט אויס א גאַר קלײנע בוליגאַנעס,וואָס האָבען אונז נאָכגעשפּעט און געוואָרפען אויף אונז שטײנער. די מערהײט פארבײגער האָבען אונז נאָכגעקוקט מיט א צו- פרידען שמייכעלע, ווי זיי וואָלטען געטראַכט: גוט, וואָס היטלער בעפרײט אונז פון די זשידקעס.....

ווען מיר זענען פערבײגעגאַנגען דעם פּלאַץ קאָנסטיטוציא, איז צו א פערקויפערין מיט פּלײס, וואָס איז געשטאַנען בײ איר ביידעל; צוגעגאַנגען אײנער פון אונזערע זשאַנדאַרמען מיט זיין הונט און זיך געווענדט צו דער פערקויפערין די זאָל אים געבען א שטיקעל פלייש פאר זיין הונט. א פערבײגײענדער פּוילישער ארבעטער האָט זיך אריינגעמישט מיט די ווערטער:„ בײ אונז שטארבען מענשען פון הונגער און איר ווילט אייערע הינט קאָרמען מיט פלײשן"- דער זשאַנדאַרם האָט איבערגעלאָזט די פערקויפערין בײם ביידעל און זיך א נעם געטון צום ארבעטער.- „ קום נאָר אהער, דו העלד" און אײדער דער פּאָלאַק האָט זיך בעוויזען צו אריינ- כמירען, האָט ער געקריגען פון זשאַנדאַרם צוויי-פייערדיגע פעטש. דער זשאַנדאַרם, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, איז אוועק ווייטער....

אויף דער עלעקטאָראַלנע גאַס האָט זיך דער צוג פּלוצלינג אָבגעשטעלט. דאָס אָרט,וואו מיר זענען געשטאַנען, איז באַלד דורך די דײטשען אָבגעצוימט געוואָרען און קײנער האָט ניט געקאָנט דורכגײן.ווען מיר האָבען געוואַרט אריבערגײן פון איין זייט גאַס אויף אן אנדערער, האָבען די דײטשען אָב- געשטעלט דעם גאַנצען גאַסען-פערקער, בדי אונז אריבערצופירען.

מען האָט אונז אלע געהייסען זיך אוועקזעצען אויפן ראַנד פונעם טראָ- טואַר.דער אָפּרו איז מיר שטאַרק צונוץ געקומען,וואָרים איך האָב זיך פון מיד-

Ghetto Fighters' House



קיים קוים געהאלטען אויף די פיס. אויסערדעם בין איך אבגעבאנגען פון שווייס און בלוט. אזוי ווי איך האב זיך נישט געקאנט אוועגזעצען ~~אזן/הפא/גלגם~~ [illegible] אויף מיין צעבייטענעם הינטער-חלק, האב איך זיך געמוזט אוועגזעצען אויף א זייט, ״עס זאל כאטש טיבען דעם איינדרוק, אז איך זיץ.

די דייטשען האבען געמאלדען, אז אויב עמיצער פון אונז וועט די גאנצע צייט נישט זיצען, וועט ער ביים מינדעסטען פראוון אויפצוהויבען זיך דערשאסען ווערען.

איך געדענק נישט, צי איך האב אין יענעם טאג געהאט געגעסען עפעס אין מויל אריין; אבער קיין הונגער האב איך נישט געפילט. דאגעגען פאר א טרונק וואסער וואלט איך דערטיילט אבגעגעבען א האלב לעבען. איך האב זיך שוין טאמע אנגעהויבען צו טשיקען פון דער טרוקענהייט אין האלז און אין מויל. און ווי אויף צולהכעיס איז אפילו די סלינע אין מויל געווארען אויסגע-טרוקענט. מיינע ליפען האבען ביי מיר געגלים. אעך האב, ווארשיינלעך געהאט היץ.

צום גליק איז פון מויער ארויס א יונגער פאלאק מיט אן עמער וואסער. די ערשטע, וואס זענען געזעסען נאנטער פון איס, האבען נאך בעוויזען צו כאפען א טרונק. צו מיר איז עס שוין, ליידער נישט דערגאנגען, הגם ער איז שוין גע-שטאנען גאנץ נאענט פון מיר. אין דעם מאמענט איז צו דעם פאלאק צוגעלאפען א זשאנדארם, ארויסגעכאפט דעם עמער פון זיינע הענט און דערלאנגט איס מיט עמער אונטער איבערן קאפ. דער פאלאק איז קוים א לעבעדיגער אנטלאפען. די זשאנדארמען האבען זיך געקאטשעט פאר געלעכטער פון דעם געלונגענעם „ספעק-טאקל", וואס זייער קאמעראד האט זיי פארשאפט...

עס איז אונז געווען שטרענג פארבאטען צו רויבערען און צו רעדען צווישען זיך. נאך א האלבע שעה רוען, זענען מיר ווייטער געגאנגען. מיר זענען דערגאנגען צו דער קערבערדזשער בריק, וואס פירט, איבער דער ווייסל, קיין פראגע. דארט האט מען אונז געהאלטען אזוי לאנג, ביז איינער פון די זשאנ-דארמען איז אריבערגעפארן אויף דער אנדערע זייט בריק און אבגעשטעלט די בעוועגונג פון סקנטשען. איבער דער בריק האט מען אונז געפירט מיטן שמאלען

Ghetto Fighters' House



װעג, װאו די פּיסגײער גײען.

א טײל דײטשען מיט די הינט זענען איבערגעפּאָרען אױף דעם אנדערער זײט מיט די טראַמװאַיען (ספּרינט-קאַרס), פון װעלכע זײ האָבן אַרױסגעטריבן די פּױלישע פּאַסאַזשירען,- די אַנדערע דײטשען זענען געגאַנגען נאָך אונז, צום סוף פונם לאַנגען צוג.

איך האָב פרײער אָנגעמערקט, װען כ'האָב נישט געזען פאַר זיך און אַרום זיך די דײטשען מיט זײערע הינט. דאָ האָבן זײ בײן נישט מורא געהאַט, אַז מיר װעלען אַנטלױפן, און אױב אַפילו יאָ - װאָלטען זײ אױך מסתמא נישט געהאַט דאַגעגן, װײל אײן װעג איז נאָך פאַר אונז געבליבן - די װײסל.

װען מיר האָבן זיך שױן געפונען אױף בראַגע, אױף דער גראָכאָװסקע צ באַס, איז צו אײנעם פון אונזערע זאַנדאַרמען צוגעגאַנגען אַן עלעגאַנט- געקלײדעטער [illegible] פּאָליאַק און אָנדײטענדיג אױף אונז, אָנגעהױבן אײן אים אַרײנטענהן: -

- גוט טוט איר, װאָס איר פירט די „זשידעס" אױף טױט... זײ זענען אלע באָלשעװיקעס... אונזער אומגליק... צוליב זײ האָבן מיר די מלחמה...

זײ, די זשידעס, האָבן אין קאַטין (א דאָרף אונטער סמאָלענסק) דערמאָרדעט מײנעם א ברודער, א פּױלישען אָפיציר. זאָל זײ טרעפען גאָטס שטראָף"....

אָט די גאַנצע צײט האָט דער פּאָליאַק נישט אױפגעהערט צו אַגיטירען דעם דײטש, דערצײלענדיג אים, װאָס די „זשידעס" האָבן אַלץ אָנגעטאָן אױף דער ערד...

דער דײטש האָט זיך צו אַלעם רויִג צוגעהערט און צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ: „יאָ, יאָ"... דער װילדער פּױלישער אַנטיסעמיט איז אונז בסדר נאָכגע-גאַנגען און נישט אָפּגעשטעלט זײן אַגיטאַציע. אין א געװיסען מאָמענט, האָב איך אױסגעדרײט דעם קאָפּ (איך בין געגאַנגען דער ערשטער אין דער רײ) און מײן בליק האָט זיך געטראָפען מיט די רוצחישע בליקען פון דעם זאַ-לאַגישען אַנטיסעמיט. זײנע אױגען זענען געפלאַמט מיט בלוט און מיט גע-בײלטע פױסטען האָט ער זיך בליצשנעל א װאָרף געטאָן אױף מיר. נישט װאַר-טענדיג ביז ער װעט מיר דערלאַנגען, האָב איך אים מיט מײן פױסט א זעץ גע-טאָן צװישען די אױגען, אַזױ, אַז ער איז אַנידערגעפאַלען.

Ghetto Fighters' House



סים וועלכע בזחות איך האב דאס בעוויזען צו טון, ווייס איך אליין נישט.
אין דעם זעלביגען מאמענט איז אויסגעבראכען אין אונזערע רייען א גרויסע פאניק - מען האט,מסתמא, מורא געהאט, אז די דייטשען זאלען נישט עפענען קיין שיסעריי- און ס'איז געווארען א געלויף.דער פאלאק, וואס האט זיך גלייך אויפגעהויבען פון דער ערד, האט מיך אנגעהויבען ארומזוכען. אין גרויסען באאס, וואס איז ענט- שטאנען, האט ער זיך געפונען צווישען אונזערע רייען. פון אלע זייטען האבען זיך א שאט בעטען אויף אים קלעפ, אז ער איז קוים א לעבעדיגער ארויס פון אונ- זערע רייען.

באלד נאך דעם ווי איך האב דעם בוליגאן מכבד געווען, האבען מיך מיינע גורל-קאלעגען אריינגעשלעפט אין די ווייטערדיגע רייען.

צווישען די זשאנדארמען איז אויסגעבראכען א זידלעריי. איינער האט בע- שולדיגט דעם אנדערען, אז צוליב אים איז בעקומען צו דער פאלקס מהומה; אז מיר וועלן דאס אויסנוצען און אנטלויפען און זיי וועלען האבען צוליב אונז גרויסע צרות. איינע זשאנדארמען האבען אפילו אבגעלאזט זייערע הינט פון די קייטען, כדי צו מאכען ביי אונז ארדענונג. די הינט האבען זיך מסתמא אויך דערשראקען פון דער ענטשטאנענער מהומה, ווייל זיי זענען אונז נישט בעפאלען, נאר געלאפען צוגלייך מיט אונז , בילענדיג אין הימעל אריין... איינע זשאנדארמען האבען אויסגעשאסען אין דער לופט און ווי מיט א בישוף טעקעלע האט זיך אין איין אגא אויגענבליק אלץ בערואיגט.

די „פראצעסיע" איז זיך ווידער רואיג געגאנגען, ווי עס וואלט קיינמאל גארנישט בעשען, ארומגערינגעלט פון די זשאנדארמען מיט זייערע הינט. דער בוליגאן-אנטיסעמיט האט אבער נישט רעזיגנירט, נאר ווייטער פראבירט צו איבער- ציגען די דייטשען ווגען דער שעדלעכקייט פון די אידען. די זשאנדארמען האבען שוין, ווייזט אויס, איצט מורא געהאט, אז עס זאל זיך נישט איבערחזרן די פריערדיגע ספיל און מען האט שוין נישט געלעגט קיין אכט אויף אים. יעדענפאלס - נאענט צו אונז האט מען אים שוין נישט צוגעלאזט.

ווען ס'איז שוין געווען בוט טונקעל, זענען מיר ענדלעך דערגאנגען צום בעסטימונגס-ארט: צו אונזער לאגער, וואס איז געלעגען אין גראבאוו.

נאך פון דערווייטעס האב איך בעמערקט 4 גרויסע פראזשעקטארן אין פיר עקען. דאס זענען געווען די פראזשעקטארען ביידי וואך-טורעמס, וואס האבען בעלויכטע ן

Ghetto Fighters' House



דעם לאַגער, אין וועלכן מען האָט אונז געפירט.

צוקומענדיק נענטער, האָב איך [illegible] דערזען לאַנגע, הילצערנע באַראַקן אויף א גענוג גרויסן שטח, וואָס זענען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָטן. ביי דעם הויפּט-טויער פון אַריינגאַנג איז געווען א וואַך פון אוקראַאינער; ביי די דראָטן פון יענער זייט טויער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט צענדליגער מענער און פרויען, וואָס האָבן [illegible] מסתמא געזוכט קרובים אָדער פריינט צווישן די ניי-געבראַכטע פונעם וואַרשעווער געטאָ. פּלוצלינג האָב איך דערהערט, פון יענער זייט טויער, אויסרופן מיין נאָמען. איך קוק זיך אום און דער[illegible]ן מיינעם א באַקאַנטן מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען געאַרבעט אין דער אַליין-הילף אין וואַרשעווער געטאָ, דאָס איז געווען בערנאַרד פינקעלשטיין, א ברודער פון לעאָ פינקעלשטיין.

ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט און בסדר געמאַכט צייכענס מיט די הענט אַז עס איז מיר געלונגען, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם לאַגער; אַז עס איז א גוטער לאַגער און איך זאָל זיך נישט זאָרגן, ווייל עס וועט מיר דאָ זיין גוט און וואויל. פון אַלע זייטן הער איך אויסרופן: „יונגעל, האַלט זיך!" – דאָס ווערטעל איז געווען זער פּאָפּולער אין וואַרשעווער געטאָ.

דאָס, וואָס אידען זענען אַזוי פראַנק און פריי געשטאַנען מיט פרייליכע פּנימער ביי די דראָטן און נישט געלעגט קיין אכט אויף דער אוקראַאינישער וואַך, האָט מיך באַלד איבערצייגט, אַז אין דעם לאַגער מוז זיין אַלייכטער רעזשים און סקרוזעט נישט שווער זיין פון דאָרט צו אַנטלויפן. מיינע געדאַנקען זענען איצט געגאַנגען נאָר אין דער ריכטונג. קודם כל מוז מען זיך אַרומקוקן און זען וואָס מען קאָן טון. קיין גרויס נחת וועלן זיי פון מיר נישט האָבן אין לאַגער.

עס זענען אויף שנעל געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען אונז אויפצונעמען אין אונדזער נייער „היים". מיר האָבן געוואַרט א קורצע צייט ביז עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אַלע פאָרמאַליטעטן און עס האָבן זיך בריים צעעפנט די טויערן פונעם לאַגער און אויפגענומען די נייע גרופּע אידען – אַגב די לעצטע אין דעם לאַגער – וואָס זענען געקומען פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

***********************

Ghetto Fighters' House



## אין לאגער אין גראַבאָוו.

**מיינע נייע גורל - חברים. - פטעכישע אידען. - דער נייער סדר.**

ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אין לאגער, זענען מיר ארומגעריננעלט געוואָרן פון די אלטע לאגער-מענטשען. ווער עס האָט געטראָפען בעקאנטע, ווער-קרובים. יעדער איינער פון אונז איז באלד ארומגערינגעלט געוואָרן פון אַ גרופע מענטשען, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען פרעגען וועגען ווארשע, וועגען אויפשטאנד און וועגען זייערע קרובים און בעקאנטע.

מיך האָט באלד איבערגענומען אין זיין רשות בערנארד פינקעלשטיין, וואָס איז געווען אַ גרופע-פירער אין לאגער, ~~אַטאָ/אָאָאָ~~ אָדער, ווי מען האָט אים דאָרט גערופען, א„פאָר- ארבעטער"( אן עלטערער ארבעטער). ער האָט מיך ווידער אמאָל בערואיגט, אז דאָ אין דעם לאגער, וועט מיר זיין גוט. זיי האָבען- האָט ער געזאָגט- אן אנשטענדיגען שעף. וואָס מיינט זיך גיט בכלל אין דעם איבערליבען לעבען פונם לאגער. ס'איז אָך דאָרט נישטאָ קיין צו שווערע ארבייט און מען קאָן זיך צוגעוואוינען. פינקעלשטיין האָט מך פערזיכערט, אז אונזער לאגער וועט נישט ווערען ליקווידירט און מיר וועלען דאָ, מיט גאָט'ס הילף, איבערלעבען די מלחמה. זיין ערשטע פראגע איז געווען, צי איך האָב שוין עפעס געגעסען. איך האָב זיך טאקע דערמאנט, אז היינט האָב איך נאָך גארנישט געהאט אין מיין מויל, אָבער איך האָב אים געבעטען קודם כל מיך צו פירען צו א דאָקטאָר, ווייל איך האָב שטארקע ווייטיגען אין הינטער-חלק און ס'דאכט זיך מיר, אז איך האָב היץ. מען האָט מיך אריינגעפירט אין אמבולאטאָריום, וואו עס האָבען געארבייט איינינע אידישע דאָקטוירים. מען האָט בעטראכט מיינע וואונדען. איך בין געווען שטארק צובייסען פונ'ם הונט, און פונם היינטיגען בסדרדיגען מארש, זענען די גאָאָט וואונדען שטארק אָנגעריבען געוואָרען. מען האָט, קודם כל, ארומגעוואשען די וואונדען און מיר געמאכט אן איינשפריצונג, וואָס זאָל פערהיטען פון בלוט-פערגיסונג.

פינקעלשטיין האָט מיך אריינגעפירט אין זיין באראק און מיך אויפגענומען אין זיין ווינקעל, וואו ער האָט געוואוינט צוזאמען מיט זיין פרוי און טאָכטער. ווי נאָר מיר זעצען ~~אָאָאָ/אָאָ/אָאָ/~~ זיך אוועק אויף דער אונטערשטער„פרימטע", קומט צו אונז צו דער צווייטער „פאָרארבייטער" גאָטליב, וואָס האָט געשטאמט פון אוונוסטאָוו, —א זון פון א דאָרטיגען בעקאנטען סוחר און געזעלשאפטליכען טוער. אויך ער האָט זיך מיט

Ghetto Fighters' House



מיר זער דערפרייט.

דערווייל זענען בעסאכם געוואָרען אלע צוגרייטונגען אונז אויפצונעמען אין גייעם באראק, וואָס געפינט זיך אין צווייטען עק לאגער.פינקעלשטיין און גאָטליב האָבען מיר בעזאָגט,אז איך וועל ניטם אריבערגייען אין יענעם באראק ווי זיי וועלן מאכען פאר מיר אן אָרט אין זייער באראק-צימער, וואו עס געפינען זיך איינגאנצען 30 מענטשען.אין טשך פון אונזער געשפרעך זענען אין צימער איינגעלאפן אריינגע-קומען אונזער.דערזעענדיג ווי איך בין אויפגעציטערט געוואָרען (בלויז אויף זייער אָנבליק איז מיר דאָס בלוט פערגליווערט געוואָרען),האָבען מיך מיינע אידישע פריינד בערואיגט,אז דאָ זענען די אוקראאינער„אונטערגעטשירט"און זיי בעציען זיך גוט צו די לאגער-יידען. זיי מישען זיך נישט אין די אינערליכע ענינים פונם לא-גער.זייער אויפגאבע איז נאָר צו היטען דעם לאגער אז קיינער זאָל נישט אנטלויפן און בעגלייטען די אידען,ווען מען פירט זיי ארויס אויף פערשידענע ארבעט-פלעצער און זיי שפעטער צוריקברענגען פון דער ארבייט אין לאגער אריין.

אריינקומענדיג אין מיין באראק-צימער,האָב איך געפרעגט מיינע פריינד וואו איך קאָן מיך ארומוואשען, האָט מען מיר בעענטפערט,אז דאָ וואשט מען זיך אויפן הויף.אין באראק איז שוין געווען פינצטער-קיין עלעקטריש ליכט האָט מען נאָך נישט געהאט אין דין די באראקען.מען האָט אָנגעצונדען א פאָר וואקסענע ליכט-לעך אויף דער ציי,ווען מען דארף זיך לעגען שלאָפען.מען האָט מיר אָנגעוויזען מיין פלאץ אויף דער „פרימטע"אויפן דריטען„גאָרן",נעבען גאָטליב'ן-עס זענען געווען אין לאגער דרייסטאָקיגע הילצערנע„פרימטעס"צו פינף פרימטעס ביי דער וואנדפון ביידע זייטען, און אין מיטען- א טיש מיט צוויי לאנגע בענק.

מען האָט מיר געגעבען א פאפירענעם זאק,אָנגעפילט מיט טראָטשינעס, אויף וועלכען איך דארף זיך לעגען אויף דער פרימטע; א קליין פאפירענזעקעל, אָנגעפילט מיט'ן זעלביגען,האָט מיר געדארפט דינען אלס קישען אונטער'ן קאָפ; און- א דעק אויף איבערצודעקען זיך.די אייגענע זאכען,די מלבושים האָב איך אוועקגעלעגט בײם קאָפּ,פונקט אזוי ווי אנדערע האָבען געטון.די פענצטער ביי אונז זענען געווען אָן שויבען.אָבער זומער האָט עס געהאט א מעלה,ווייל ס'איז ביי אונז געווען זער הייס. וואָס וועט אָבער זיין ווינטער?...

איך בין ארויפגעקראָכען אויף מיין פרימטע אויפן דריטען גאָרן. אונטער מיר איז געלעגען מיינער א באַאַנטער פון ווארשע-וואסערקענער, אונטער אים-א פרוי,

Ghetto Fighters' House



א צאָן-דאָקטאָרין-אויך פון וואַרשע. רעכטס פון מיר איז געלעגן א יונגערמאַן פון טערעצק, א סטאָלער פון פאַך, -מען האָט אים גערופן אברהם. לינקס פון מיר- גאָטליב פון אויגוסטאָוו. גאָטליב האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אז אויב ב'האָב מיט זיך אַ געלד, אָדער ווערט-זאַכן, זאָל איך עס לעגן אונטערן קאָפּ, ווייל עס קומען אָפּט פאַר גנבות. איך בין געווען אזוי מיד, אז כ'האָב נישט געפילט די הארטקייט פון געלעגער. א שרעקליכע היץ האָט מיך ארומגענומען. איך האָב, ווייזט אויס, געהאַט גרויס פיבער. מיין איינציגער בעגער איז געווען ווי אמשנעלסטנס אנטשלאָפן צו ווערן. איך האָב, צוליב מיין וואונד, נישט געקאָנט ליגן אויפן רוקן, ווייל ס'האָט מיר פארשאַפט גרויסע ווייטיגען, האָב איך געמוזט ליגן אויפן בויך. אָבער אזוי ווי איך בין נישט געווען געוואוינט אזוי צו שלאָפן, האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן און אַ איך האָב בסדר געמוזט בייטן מיין פּאָזיציע און זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. ס'איז מיר געוואָרען שטאַרק קאַלט, האָב איך גענומען מיין מאַנטעל און אים ארויפגעלעגט אויף דער איבערדעק. ס'האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן א צאָן אָן א צאָן פון קעלט, הגם דער קאָפּ האָט מיר געברענט איינגאַנצן.

ארום און ארום האָט שוין געהערשט א טויטע שטילקייט, וואָס איז געוואָרען אַ איבערגעריסן פונ'ם כראָפּען און פייפן מיט די נעז, וואָס איז פערוואַנדעלט בעוואָרען אין אסת'ן אָרקעסטער. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער פּריטשע און ב'האָב אָנגעטאָן די זאָקען, די הויזן, דאָס רעקעל, מיינענדיג, אז עס וועט מיר אפשר ווע ווערן אביסעל ווארימער. אין מיטען אָנטון זיך, גיבען זיך א ברעך איין די ברעטער פון מיין פּריטשע און איך פלי גלייך אראָפּ אויף מיין אונטערשטען שכן, וועלכער וועקט זיך אויף מיט א געשריי און ביידע צוזאַמען פאלען מיר אראָפּ גאָך נידעריגער- אויפן ערשטען שטאָק, גלייך אויף די דענטיסטין. איך בין געווען זיכער, אז מיר האָבען זי דערהרגעט, ווייל זי האָט קיין פּיפּס נישט געטון. פונעם גערודער און פון מיין שכנס געשריי, האָבען זיך די איבעריגע לאגער-מענטשען פון אונזער באראק אַ אויפגעוועקט. גאָטליב איז אראָבגעשפרונגען און צוגעלאָפן צו מיר  זען, צי איך האָב זיך גאָרנישט געטון. מען האָט אָנגעצונדען א ליכט. אברהם, דער סטאָלער, האָט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט, פעריכט מיין פּריטשע, ווי אויך די אונטערשטע פּריטשע פון מיין שכן, און מיך געוואָרנט צו ליגן ראַויג, ווייל די פּריטשעס זענען זער שוואכע און זיי קאָנען זיך ווידער איינברעכן.

פון איצט אָן האָב איך זיך בעמיט צו ליגן רואיג אויף איין זייט. איך האָב

Ghetto Fighters' House



זיך אָבער ,צוליב דעם,שטארק בעטאמערט און אזוי ביך גיט געקאָנט איינשלאָפען. ווען איך בין איינגעשלאָפען,האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען.איך בין געשלאָפען זער געשמאק, אזוי,אז איך האָב ניט געהערט ווען אלע זענען אויפגעשטאנען און אוועק-געגאנגען צו דער ארבייט. ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט, האָב איך אין באראק-צימער בעמערקט איינע פון אונזערע פרויען, וואָס האָט געהאט שטוב-דינסט און איז אָט געזעסען פערגוסען טיט וואשען די פאָדלאָגע. מער איז קיינער ניט געווען אין צימער. די פרוי האָט מיר געזאָגט, אז מען האָט מיך ניט געוואָלט וועקען און אז איך בין היינט בעפרייט געוואָרען פון ארבייט.מאָרגען,אויב איך וועל זיך פילען בעסער,וועל איך מוזען אויפשטיין צום אפיל. היינט האָט מען מיך שוין ווי עס איז דורכגעשטוגעט אָבער מער וועט מען עס שוין ניט קאָנען מאכען.פון דער ארבייט וועט מען מיך מאָרגען אויך בעפרייען, אָבער צום אפיל, ווען די דייטשען ציילן די לאגער-מענטשען,וועל איך זיך מוזען צושטעלען.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטון, ארויס אויפן הויף זיך וואשען,דערנאָך האָט מיר די שטוב-דינסט-פרוי געגעבען א שטיקעל ברויט מיט א/ מעפעל פליסיקייט, וואָס זיי האָבען גערופען שווארצע קאווע.. מיינע וואונדען האָבען מיך אָלץ געברענט האָב געהאט דאָס געפיל ווי עפעס א שווערע מאסע ליגט מיר פון הינטען אי־ אראָפ.דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט,אז אין די וואונדען האָט ־־ איימער און מען וועט מוזען דורכפירען א קליינע אָפּ־ ווידער געמאכט אן איינשפריצונג. איך בין ־ ארום געהאט א מעגליכקייט צו בעקטי־

דאָס איז געווי־

מיט צוזיי רייען /

דראָטען, האָבען געהאָ

און צוריק.זיי האָבען .

אריינגאנג-טויער.אויסער

גער נאָך געווען דריי ריז

הונדערט מענטשען.

ביי אונז אין לאגער ה

זאמען,ניט צעטיילט ווי אין א

הילצערנער באראק, וואו ס'האָט ז

Ghetto Fighters' House



אין קיך האט מען ארויסגעגעבן צוויי מאל א טאג עסן: שווארצע קאווע אן צוקער און שטיקלעך ברויט. מיטאג האבן מיר באקומען( א שיסעל בעקאכטע וואסער,וואס זיי האבן גערופן זופ)אויבן אורט, וואו מען האט אונז געפירט צו דער ארבייט.)

די לאטרינע(ספאלעט)האט זיך געפונען נאענט צו די שטעכעדיגע דראטן.

אין דער לאטרינע, וואס איז געווען א געמיינזאמע פאר מענער און פרויען, האט מען דערלייריגט די פיזיאלאגישע באדערפענישן. די לאטרינע איז געווען אויפגעש שטעלט אויף א גרוב, אינגאנצן אפן, איבער וועלכן ס'זענען געווען אריבער-געווארפן צוויי לאנגע ברעטער, מיט אויסגעשניטענע גרויסע לעכער,אזוי,אז די באדערפענישן האט מען געמוזט ערלעדיגן שטייענדיגערהייט. די לאטרינע איז גע-ווען צעטיילט אויף צוויי העלפטן,אבער אויף אזא אופן,אז ס'איז געווען פער-שטעלט נאר דער אויבערשטער טייל פון קערפער, דאגעגן די אינטערשטע טיילן סיי פאר די מענער, סיי פאר די פרויען, זענען געווען אפן.אין דער לאטרינע האבן גלייכצייטיג געקאנט אריינגיין אכט מענער און אכט פרויען.די אריינגאנג זענען געווען באזונדערע,אבער אינווייניג האט מען פון דער מענער-אפטיילונג געזען די אונטערשטע טיילן פון די פרויען און ביי די פרויען- די זעלבע קערפערטיילן פון די מענער, פון אנהויב איז די פראצעדור ביים ערלעדיגן די באדערפענישן געווען זייער אומאנגענעם,אבער באלד האט מען זיך דערצו צוגעוואוינט און ס'איז פערשוואונדן יעדע בושה.

פארטאג,איידער מען האט זיך געשטעלט צום אפיל,האט זיך געבילדעט א רי-
שנור
זיגע קללע פון מענער און פרויען,וואס האבן געווארט אויף זייער רייע.היות די לאטרינע האט זיך געפונען הארט ביי די דראטן,האבן זיך פון יענער זייט דראטן אפגעשטעלט די באוואפנטע אוקראאינער און אבסערווירט די גאנצע פראצעדור זייער הויפט-אויפמערקזאמקייט האבן זיי געלענקט אויף די פרויען און יענע האבן געמוזט אין געגענווארט פון די אוקראאינער ערלעדיגן זייערע באדערפענישן

בעת א רעגן איז מען ארויס פון דער לאגער-לאטרין אינגאנצן נאס,ווארים קיין דאך איז ניטא געווען.שפעטער,נאך אין צייט פון מיין זיין אין לאגער האט מען אויסגעפערטיגט דעם דאך. דאס טיטש פונ'ם לאגער האט מען פערברענט אין פעלד,וואו מען האט,ספעציעל צו דעם צוועק, אויסגעגראבן גריבער.

נאך פינף א זייגער פארנאכט האבן די ארבייטער-גרופן אנגעהויבן

צוריקצוקומען אין לאגער פון זייערע ארבייט-פלעצער. צו דער ארבייט האט מען געפּם פירט נאך מארקי, נאך פּאטעלניק, פראגע און פון אָנהויב-אויך נאך זשעלאָנקא.

פון דער צווייטער זייט דראָטן האט זיך געפינען א הילצערנער באראק, ניטט א ארומגעצוימט און ניטט געהיט פון קייטעלעך. דאָרט האט געלעבט א גאַנץ גרויסע טשעכיש אידען, וועלכע האָבן געארבייט ניטט ווייט פון אונזער לאגער ביים אויסרייניגען די מיליטערישע סאניטאר-צוגען די דאָזיגע אידען, וועלכע מען האט דאָ אהערגעבראַכט פון טשעכאָ-סלאָוואקיי, זענען געווען פריווילעגירט. מען האט זיי לגמרי ניטט בע-היטען. זיי זענען אליין בעגאנגען און צוריקגעקומען פון דער ארבייט, אָן שום וואך סך הכל זענען דאָרט געווען דריי הונדערט אידיש-טשעכישע מענער, פרויען און אפילו קינדער. זיי האָבן ניטט געטראָגן קיין שום געלע לאטעס (אידען-אָבצייכנונג) און זיי האָבן זיך לגבי אונז געהאלטען העכער, און זעלטען פערפירט מיט אונז א שמועס. די דאָזיגע פריווילעגיע האט אָבער לאנג ניטט אָנגעהאלטען. אין א געוויסען טאָג, נאך ביי מיין זיין אין לאגער האט מען זיי אלע אויסגעשמעלט אויפן פעלד צו א סבלורשטען אפיל און זיי אלע אויסגעשאָסען...

היות איך האָב זיך נאך אלץ ניטט געפילט גוט, האָב איך זיך בעזועגדט צום לאגער_עלטסטען נאך א ערלויבניס צו קענען ליגען אויך ביי טאָג אויף דער פּריטשע. היות איך האָב געהאט שטארקע היץ האָב איך אזא ערלויבניס באקומען. צום שלימזל האט מיך שרעקליך געביסען אזוי, אז כ'האָב ניטט געקאָנט איינליגען אויף אן אָרט. כ'האָב ארויבגענומען דאָס העמד און בעמערקט ריזיגע לייז...

ווען איך האָב מיינע גורל-חברים געפרעגט וואָס פארא עצה מען קאָן מיר געבען פטור צו ווערען פון די לייז, האט מען זיך פון מיר אויסגעלאכט.

-„דאָס איז ביי אונז א נאטירליכע זאַך"- האָבן זיי געענטפערט-„ווי ריין מיר זאָלען זיך דאָ ניטט האלטען, קאָן מען פון דער פּלאָג ניטט פטור ווערען. נעמט אייך דערפון ניטט איבער, מורקאָוו, -מאָרגען וועלען מיר זיכער איבערהערען די מלחמה מיט די לייז צוזאמען"...

איך האָב אָבער וועגען דעם געהאט א גאנץ אנדערע מיינונג. געווען דאָרט זען וואָס ביכער ארויסצובאקומען זיך פון דאנען, ווייל ס'איז דאָ צו גוט ס'זאָל מאקי זיין גוט... מיר זענען שוין צו גוט בעקאנט די דייטשישע צוזאָגען און איך ווייס ווי מען קאָן בזיען אויף זייערט א וואָרט... אָבער וואָס גאָ ב'ט מען זיך פאר אן עצה; ווי אזוי גיט מען צו ווייסען קיין ווארשע, אז איך געפין זיך דאָ אַיך האָב

Ghetto Fighters' House



גיסט קיין שום ארעסען, גיסט פון דער אונטערערדישער באוועגונג, גיסט פון מיין פרוי. איך ווייס בכלל ניסט, וואו מיין פרוי געפינט זיך. די לעצטע צייט פארן אויפשטאנד האב איך ניסט געהאט פון איר קיין שום ידיעות. פון איר לעצטען בריוו, וואס איך האב דערהאלטען פון איר אין געטא, האב איך בעזען, אז מיין פרוי האט גרויסע צרות אויף דער ארישער זייט צוליב א דירה און איך ווייס ניסט מיט וואס די געשיכטע האט זיך געענדיגט. סודיע זיין, ווידער, מיין קינד, אז איך לעב און געפין זיך אין לאגער, האב איך, צוליב דער געפאר, וואס עס קען איר נאך דראען- זי שפילט דאך די ראָל פון א קריסטין- גיסט געוואָלט. מע וואס טוט מען? ווי אזוי קריגט מען זיך ארויס פון לאגער דעם„גזמן"לאגער? און וואזהין גייט מען?! איך האב ניסט אויבגעהערט צו טראכטען וועגען ארויסבעקומען זיך פונם לאגער.

א שענע פאר טעג האב איך ניסט געקאנט גיין צו דער ארבייט צוליב מיינע אייטערדיגע וואונדען. אבער לאנג האט ניסט געקאנט אנהאלטען דאס דעקען מיך דורך מיינע פריינט פינקעלשטיין און גאָטליב און איך האב געמוזט גיין צו דער ארבייט, זייענדיג נאך גום קראנק. נאך א באראטונג מיט אידישען לאגער-עלטסטען, איך בע-שלאסען געווארען, אז מען וועט מיך פירען אויף דער לייכטסטער ארבייט, דאס הייסט קיין פראגע. איך בין צוגעטיילט געווארען צו פינקעלשטיינס גרופע.

*****************************

Ghetto Fighters' House



יאנאס טורקאוו.

# - „ארבייט מאכט דאס לעבן זיס". -

דער מארש צו דער ארבייט.- דער לאגער-רעגולאמין.-זעלבסטמארד אין לאגער.-
מען ווארפט אונז אונטער א אידיש קינד.- [illegible] .-
דער טויט פונעם משומד דיקשטיין.-

פינף א זייגער פארטאג האט זיך דערהערט א שטים אין קארידאר: „אויפשטיין!" מען איז שנעל אראפגעשפרונגען פון די פריטשעס, געבראכט אין ארדנונג דאס געלעגער און געלאפן, וואס שנעלער צו פארנעמען א רייע נעבן דער לאטרין (טואלעט). וואס פריער מען איז געקומען, אלץ גרעסערע שאנסן האט מען געהאט צו קריגן א פלאץ. נישט אלע האבן דאס בעוויזן, ווייל מען האט נאך געדארפט זיך וואשן און עסן, כדי צו זיין גרייט צום ראפארט. צוליב דעם האבן זיך א סך מענטשן אויפגעכאפט פיר א זייגער פארטאג און אמאל אויך דריי א זייגער, כדי צו זיין פון די ערשטע ביי דער לאטרין. דערנאך האט מען געמוזט לויפן זיך וואשן צום קראן, וואס האט זיך געפונען אויפן הויף. דארט איז ווידער געווען א רייע, נישט קלענער ווי פריער. וועגן וואשן זיך גרינדלעך, האט קיין רייד נישט געקענט זיין. מען האט נישט בעוויזן זיך אפצוּוואשן, ווי מען איז שוין געווארן ארויסגעשטויסן פון אנדערע, וואס האבן פארנומען ~~דעם~~ זיין ארט ~~פונעם ארויסגעשטויסענעם~~. ביים וואשן זיך, האט מען געמוזט זיין פארזיכטיג און נישט בעשפריצן די ארומיגע, וואס זענען געשטאנען אונטער דיר פעסט צוגעדריקט.

דערנאך איז מען געלאפן אין קיך אריין, כדי צו פארכאפן אן ארט אין דער ריזיגער רייע, וואס איז געווען אויסגעשטעלט צו בעקומען קאווע און ברויט. די דאזיגע רייע איז געווען אסך גרעסער, ווי ביים וואשן זיך. מיט דער קאווע און ברויט איז מען צוריקגעלאפן אין באראק אריין און זיך אויסגעזעצט ביים טיש. 15 מינוט צו זעקס האבן אלע שוין געמוזט זיין אויפן פלאץ און זיך אויסשטעלן צום אפיל אין דער פארם פון א „ח". פינקטלעך זעקס אזייגער איז ארויסגעקומען פון דער געביידע דער דייטשער שעף מיט זיין געהילף, און צום סוף - דער אידישער קאמענדאנט-דער ~~אלטעסטער~~ לאגער-עלטסטער. פאר יעדער גרופע- פינף טריט פארויס - איז געשטאנען דער דער גרופע-אנפירער. יעדער גרופע-פירער איז, לויט דער רייע, צוגעגאנגען צום קאמענדאנט און אים געמעלדעט דעם בעשטאנד פון זיין גרופע. אלע אידען האבן דערביי געמוזט שטיין מיט אנטבלויזטע קעפ, אויסגעצויגען ווי סטרונעס.

Ghetto Fighters' House



נאָכן איבערציילן די גרופּעס, איז געפאַלן אַ קאָמאַנדאָ:מאַרש! און יעדע גרופּע איז אוועק אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואו ס'איז איר געוואָרן צוגעטיילט די אַרבעט. ווײַנער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש, האָבן מיר אַלע געמוזט זינגען. ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען מען האָט אָנגעהויבן זינגען אַ פּאָפּולער געוואָרן ליד, וואָס מײַן פֿרוי( די בערימטע שױשפּילערין און לידער-אויספֿירער-רין דיאַנאַ בלומענפֿעלד) האָט געשאַפֿן אין וואַרשעווער געטאָ.

פֿאַרויס פֿון דער גרופּע זענען געגאַנגען צוויי אוקראַאינער בראָט מיט אַן אויפֿזעער, וועלכער האָט געהייסן בראַנק. פֿון ביידע זייטן און פֿון הינטן, זענען געגאַנגען באַוואָפֿנטע אוקראַאינער. מען האָט אונדז געפֿירט איבער אַ לאַנגן שאָסיי צו דער באַן-ליניע. אויפֿן וועג, פֿון ביידע זייטן שאָסיי, האָב איך באַמערקט - צוויי לופֿט-אָבוועהר-טורעמס מיט דײַטשישע מיליטערישע אָבסערוואַטאָרן, וואָס זענען געשטאַנען נעבן גרויסע אָבסערוואַציע-אַפּאַראַטן. אונטן, בײַ די לופֿט-אָבוועהר-האַרמאַטלעך מיט די לאַנגע לופֿעס, האָבן זיך געפֿונען אייניקע דײַטשישע סאָלדאַטן. דאָס איז געווען די שוץ פֿאַר דעם וויכטיקן באַן-קנויל, וואָס האָט זיך געפֿונען טאַקע דאָ, נעבן אונדז. פֿון דער צווייטער זײַטבאַן-שינעס - דיזעלבע טורעמס מיט מיט לופֿט-שוץ מיליטער. מען האָט אַלזאָ אונדזער לאַגער אײַנגעאָרדנט אין אַ גוטער שכנות... ווען מען זאָל פֿון דער לופֿט באָמבאַרדירן דעם וויכטיקן באַן-קנויל, וואָלטן אונדזערע באַראַקן געווען אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער געפֿאַר. אָפֿנים, אַז צוליב דעם טאַקע האָבן די דײַטשן אײַנגעאָרדנט דאָ, נעבן דעם וויכטיקן באַן-קנויל, אַ אידישן לאַגער....

אין מײַן ערשטן טאָג פֿון אַרבעט האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַ גרופּע, וואָס האָט געדאַרפֿט אויסלאָדיגן אַ פּאָר וואַגאָנען מיט שטיינער און זאַמד. נאָכן אויסלאָדיגן די וואַגאָנען האָט מען אונדז צוגעפֿירט צו אַנדערע אַרבעטן, וואו מיר האָבן אַליין געמוזט צושטופּן די וואַגאָנען אַהין און אויסלייגן אויף זיי אײַזן, וואָס איז דאָרט געלעגן. די דאָזיקע אַרבעט איז שוין געווען אַ שווערע. מײַן גרופּע-פֿירער פֿינקעלשטיין האָט מיך אָנגעהויבן, איך זאָל ניט דאַרפֿן צופֿיל אַרבעטן.

אין אונדזער גרופּע זענען געווען אַ פּאָר געזונטע אידן, פֿאַרוועלכע די אַרבעט איז געווען אַ שפּילעכל. אָבער פֿאַר מענטשן, וואָס זענען ניט געווען געוווינט צו פֿיזישער אַרבעט, איז עס טאַקע ניט לײַכט אָנגעקומען. האָבן טאַקע די אידן, וואָס

Ghetto Fighters' House



וואס האבן לייכט אויסגעפירט די שווערע ארבייט, אָבגעהוזקט פון די אינטעליגענטן – די טויגעניכטן– ווי זיי האבן אונדז גערופן.

צו מיר פערזענליך האבן זיך אלעאידען אין לאגער בעצויגן מיט א ספעציעלער אכטונג. איך ווייס ניט די סיבה דערפון, אפשר האבן מיינע גרופן-פירער פינקעל-שטיין און גאָטליב זיי געבעטן, מען זאָל מיך שוינען צוליב מיין קראנקהייט, אדער אפשר – און דאס ביכער – האט אויף זיי געווירקט דער פאקט, וואס איך האב ניט גע-קוקט אויף דער געפאר, וואס האט מיר געדראָט צעשלאגען דעם בזלינאגישען פלאן. וואס האט זיך אויף מיר געווארפן בעת מען האט מיך געפירט אין לאגער אריין. דער דאזי-גער פאל האט זיך צעטראָגן איבערן גאנצן לאגער און מען האט עס איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. גאנץ ניטמזוזילענדיג איז מיין אויטאָריטעט מיט דעם שטארק געוואקסן אין לאגער.

די ערשטע זאך, נאָך מיין אנקומען אויף מיין נייעם ארבייטס-פלאץ, איז גע-ווען בעקענען זיך מיט „רעגולאמין". ס'זענען געווען א סך פאראגראפען. איך וועל א נאָר איבערגעבן די וויכטיגסטע. קודם כל: 1) מען טאָר זיך ניט בעקלאָגן פאר די דייטשען און זייערע פערטרעטער אויף אייגענע חברים (לאגער-אידען), וואס פארא עוולה עס זאָל ניט אפקומען אראָבצושלינגען. 2) ווען מען בעמערקט פון ווייטענס אן אויפזעער, מוז מען תיכף מודיע זיין אלע ארבייטענדיגע אויף דעם אָבשניט. אויף דעם האבן מיר געהאט אן אָבגערעדטען אויסרופצייכן. מען האט געדראַשט זאָגען „זעקס", וואס איז באלד ווייטער איבערגעגעבן געוואָרען און איז דערגאנגען ביזן לעצטען ארבייטער, אויפן ווייטסטען אָבשניט. 3) קיינער טאָר ניט פערלאָזען די ארבייט אן דער פערשטענדיגונג מיט די איבעריגע ארבייטער, און נאָך און נאָך זאכען, וואס האבן צו טון געהאט מיט דער לאגער-עסיק.

מען האט מיך אויך געוואָרנט פאר צוויי געפערליכע דייטשישע אויפזעער. דאס זענען געווען טראנץ, א פאָלקס-דייטש, א באן-בעאמטער, וואס האט אונדז געפירט צו דער ארבייט. א געפערליכער סאדיסט און ווען עס איז אים בעפאלן די בייזע מינוט האט ער געקענט מאכען א איד פאר א קאליקע. שוין בלויז זיין רוצחיש פרצוף האט עדות געזאָגט וועגן דעם. האט מען מיך געוואָרענט איך זאָל אים אויסמיידען און ניט ווארפען זיך אים אין די אויגען אריין.

דער צווייטער– איז שוינץ געווען א העכערער דייטשישער בעאמטער, דער אינ-ספעקטאָר פונם אָבשניט פראגע, וואס קאָן קיין אידען ניט אנקוקען. ער האט זער אָפט